UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 135 - Spring 2000 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0r2120xv

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 135(1)

Publication Date
2000

Copyright Information
Copyright 2000 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון


פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור

און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון

לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב


# 135


SPRING
2000

פרילינג
תש"ס

זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

אָדער טעלעפאָנירט (310) 552-2007


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


ישׂשכר פאַטער: יצחק קאַצענעלסאָן דער פּעדאַגאָג און באַוויינער פון
אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק ........................................ 3

יצחק קאַצענעלסאָן: ליד ........................................ 9

צבי אייזנמאַן: עלקעלע און משהלע (מיניאַטור) ........................................ 10

מ. שקליאַר: לידער ........................................ 11

חוה ראָזענפאַרב: דאָס טאָגבוך פון לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב ........................................ 14

לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב: פון היים צו נע־ונד ........................................ 20

משה וואָלף: די "מענטשלעכע טראַגעדיע" אין חוה ראָזענפאַרבס שאַפן ........................................ 24

ש. סימכאָוויטש: ליד ........................................ 39

דוד וואָלפּע: פון אַ געטאָ נאַכטבוך קאַשמאַרן אין לבנה־שיין ........................................ 40

לייב בראָוויק: ליד ........................................ 46

אליביידער: לידער ........................................ 46

י. לעווין: לידער ........................................ 47

מ. אייזענבוד: דער מאַן אין צווישן... (דערציילונג) ........................................ 48

עקיבא פּישבין: די קינדהייט פון חיים סוטין ........................................ 56

גרוניא סלוצקי־קאהן: באַבי יאַר (ליד) ........................................ 62

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................................ 63

נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........................................ 65

*שלמה מייזנער ז"ל ........................................ 66


---

(סוף פון זייט 65)

אַרבעטער־רינג און אַ ריי סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן אין שטאַט דורכגעפירט אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג געווידמעט די אומגעבראַכטע יידיש־סאָוועטישע שרייבער און קולטור־טוער. די באַקאַנטע אַקטריסע ח י ה ע ל ע אַ ש האָט גערעדט וועגן לעבן און שאַפן פון די אומגעבראַכטע שרייבער און פאָרגעלייענט פראַגמענטן פון זייערע פּאָעמעס. דער כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון מ ל כ ה ש א ו האָט געזונגען אייניקע לידער פון די באַוווסטע סאָוועטיש־יידישע דיכטער, און מ י ק י ס אַ פּ אַ ד י האָט פאָרגעלייענט פּאָעמעס אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון ה ע ר ש ל ה אַ ר ט מ אַ ן.

**נתן שטיינמאַן**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישׂראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
נומ. 135

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור-פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

54־ער יאָרגאַנג, נומער 135 • פרילינג 2000 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ישׂשכר פאַטער / רמת אביב

## יצחק קאַצענעלסאָן דער פּעדאַגאָג און דער באַוויינער פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק

(צו די 55 יאָר נאָך זיין טראַגישן טויט)

אויב כ'האָב מיר אויסגעקליבן ווי די טעמע פון מיין איצטיקן עסיי אַ וואָרט וועגן יצחק קאַצענעלסאָן, איז דאָס צוליב עטלעכע טעמים:

א. זיין תלמיד און פאַרערער, דער וויצע־קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, יצחק צוקערמאַן, פלעגט מיט מיר אָפט רעדן וועגן אָפּגעפינען די מוזיק צו קאַצענעלסאָנס לידער. באַזונדערס איז אים געגאַנגען אין די טעקסטן פון די לידער, צו וועלכע עס זענען געשאַפן געוואָרן מעלאָדיעס אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן. איך האָב דאָס אין אַ געוויסער מאָס געטאָן.

ב. כ'האָב אין דער פּערזענלעכקייט פון יצחק קאַצענעלסאָן געפונען שטריכן פון כאַראַקטער, מעלות און זיטן פון אַ מענטש, וואָס האָט געקענט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר זיין סביבה הן מיט זיינע התנהגותן, הן אין זיינע באַציונגען מיט דער געזעלשאַפט, ווי אויך שבין אָדם לחברו.

ג. ער איז געווען אַ דערציערישע געשטאַלט, אַ פּעדאַגאָג בחסד עליון, וואָס האָט עמאַנירט אויפן אַרום, האָט באַווירקט מענטשן, און בכלל: ער האָט געהאַט אַ סך זכותן צו וועלכע לאָוו כל אדם זוכה.

מיין פאָטער ע"ה, אַ חזן, וואָס האָט געלייענט נאָטן פון יעדער פּאַרטיטור, ווי אַ געניטער בעל־קורא לייענט די פּרשה פון דער וואָך, און אַ משׂכּיל, ווייל, ווען ער האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט אין די ליטווישע ישיבות, האָט ער בסתר געלייענט אהבת־ציון פון אברהם מאַפּו און התועה בדרכי החיים פון פּרץ סמאָלענסקין, פלעגט מיך שוין פון ייִנגלווייז לערנען, אַז איך זאָל זיך אין דער צוקונפט, אין מיינע אַרבעטן, אויסהיטן פון דריי זאַכן: נישט זינגען קיין לידער, וואָס געפעלן מיר נישט; נישט רעדן וועגן אַן עינין אין וועלכן כ'בין נישט זיכער; און נישט שרייבן אויף אַ טעמע, צו וועלכער איך האָב נישט קיין וואַרעם געפיל. דריי לאָוון, וועלכע איך האָב זיך באַמיט אָפּצוהיטן, פונקט ווי אַ פרומער ייד היט אָפּ דאָס דאַוועננען.

און ווייל יצחק קאַצענעלסאָן איז אין זיין לעבן שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך פון אָפּהיטן די פּרינציפּן פון עטיק און עסטעטיק, איז ער ביי מיר איינגעקריצט געוואָרן

אין זיכרון ווי דער סימבאָל פון יידישער שייִנגייסטיקייט. ער האָט געלעבט אין שלימותדיקער האַרמאָניע מיט קאָנטראָווערסיעס. אוניווערסאַליזם צוזאַמען מיט יידישער טראַדיציע, סאָציאַליזם באַהאָפטן מיט ציוניזם, יידיש און העברעיש, רעזשיסאָר און אַקטאָר - די אַלע האָבן פרידלעך געהויזט אין זיין אידעען־וועלט און באַקומען פּראַקטישע אָנווענדונג אין זיינע מעשים. ער איז אויך געווען שרייבער און דיכטער, און ביים לעבן זוכה געווען צו הערן זיינע לידער זינגען פון קינדער און דערוואַקסענע. ער איז דעריבער ראוי, אַז מ׳זאָל אויך היינט זיינע לידער זינגען, וועגן אים רעדן און שרייבן.

א

געבוירן איז יצחק קאַצענעלסאָן אין 1886 אין ווייסרוסלאַנד, און אין עלטער פון זעקס יאָר מיט דער גאַנצער משפחה געקומען קיין לאָדזש. דער פאָטער, אַ לערער און העברעישער שרייבער, האָט געגרינדעט אַ חדר מתוקן, וואָס איז זיך איינציקווייז צעוואַקסן, און אַ דאַנק דער מיטהילף פון די קינדער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברייט פאַרצווייגטע בילדונגנעץ: פון אַ קינדער־גאָרטן ביז אַ גימנאַזיע מיט פולע רעכט פון מלוכהשע שולעס. די גמנאַזיע אין לאָדזש איז געוואָרן אַ שם־דבר פון איר הויכן פעדאַגאָגישן ניוואָ, אויסנאַמיקע לערערס און באַזונדערער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין אַנשטאַלט.

יצחק אַליין - פון די יינגסטע יאָרן אַ דערצויגענער אין גייסט פון סאָציאַליסטישן ציוניזם - איז געווען אַ פּראַקטיצירנדיקער פּעדאַגאָג, איינצייטיק איז ער אויך געווען שרייבער. און געשריבן האָט ער אין אונדזערעביידע שפּראַכן: יידיש און העברעיש. דערמוטיקט פון דוד פרישמאַן, האָט ער זיינע יידישע לידער פאַרעפנטלעכט אין י.ל. פּרצס "יידישע ביבליאָטעק", און די העברעישע - אין "השילוח". איינע פון זיינע דראַמעס איז אויסגעפירט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ, אין זיין קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט אַליין אָנגעפירט מיט אַ העברעישן טעאַטער, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן אין די גרעסערע שטעט, ביז אָדעס, און בעתן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, האָט ער אויפגעפירט קאַרל גוצקאָווס "אוריאל אַקאָסטאַ".

באַלד נאָך דער אינוואַזיע פון די דייטשן קיין לאָדזש, און סעפּטעמבער 1939, איז דער בנין פון דער גימנאַזיע אויף זאַוואַדזקע־גאַס 43 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דייטשישע קאַזאַרמע, און דער הויף - אין אַ פייניקונג־לאַגער. די משפחה קאַצענעלסאָן איז אַנטלאָפן קיין וואַרשע. זיין פרוי חנה מיט צוויי יינגערע זין זענען בשעת די גרויסע אַקציעס טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, און ער מיטן עלטערן זון, זענען געבליבן אין געטאָ. זיי האָבן געוואַנדערט פון דירה צו דירה און זיך באַטייליקט אין קאַמף קעגן די דייטשן אויף מילאַ־גאַס אין יאַנואַר 1943. אָן אָוונט פאַרן צוזאַמענשטויס, האָט ער זיך געפונען אין דער חלוצישער הכשרה־קאָמונע אויף דזיעלנאַ־גאַס 34, און אין אַ טיף־רירנדיקער רעדע באַגייסטערט די חברים אַרויסצווייזן העלדישקייט. אויפן שטח פון דעם זעלביקן הויז, האָט ער שפּעטער באַגראָבן זיינע פּאָעמעס: דער ייד האָט געלאַכט, דאָס ליד וועגן שלמה זשעליכאָווסקי און אַנדערע שריפטן.

מיט דער הילף פון קאָנספּיראַציע־מענטשן, איז ער איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין זון אין אַ באַהעלטעניש אויף דער "אירישער זייט", און ווען ס׳האָט זיך געשאַפן די מעגלעכקייט פון אַ כלומרשטן אַרויספאָר קיין האָנדוראַס, (וואָס דאָס איז געווען די

טראַגישע געסטאַפּאָ־פּראָוואָקאַציע אונטערן נאָמען "האָטעל פּאָלסקי"), זענען זיי געבראַכט געוואָרן קיין וויטעל, פראַנקרייך, און פון דאָרט, אַפּריל 1944, דורכן לאַגער אין דראַנסי, קיין אוישוויץ.

אין וויטעל, ווו יצחק קאַצענעלסאָן האָט געלעבט אין אומאויפהערלעכן ספּאַזמאַטישן אַנגסט פאַרן אומפאַרמיידלעכן טויט, האָט ער, ווי פון קבר, אויסגעיאָמערט דעם וווייגעשריי פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק. צאָרנדיקע רייד פון אַ צוואַנציקסטן נביא, צוזאַמען מיט ווייכע ווערטער פון אַ ליידנדיקן טאַטע. סורראַליסטישע אינוואָקאַציעס צו גאָט און הימל, באַהאַפטן מיט מגושמדיקע קאָנקרעטן, ווי וואַגאָנען און וועגענער, גלאַנצדיקע שטיוול און שלעגערס. אַ פּאָעמע פון פופצן קאַפּיטלעך אויסגעבלוטיקטער פּאָעזיע, פופצן אויפטרייסלענדיקע קאַפּיטלעך, געשריבענע פון אַ געפּייניקטן איוב, וואָס האָט מיט זיין אויסגעקלאָגטן וואָרט געשטרעבט צו וועקן און רירן דאָס געוויסן פון מענטש; און פונקט ווי אַרטור זיגלבוים איז פאַרן אויספירן זיין העראָיש־טראַגישן טאַט געווען אַ שאָקירטער און פאַרשעמטער פון דער וועלט פאַר איר קאַלטבלוטיקייט און אומשפּירעוודיקייט כלפּי דעם גורל פון די יידן אין די געטאָס, אַזוי אויך האָט יצחק קאַצענעלסאָן זיין פיבערדיקן פּראָטעסט קעגן מענטש און גאָט, איבערגעגאָסן אין פלאַם־פייערדיקע רייד אין די ראַמען פון זיין מאָנומענטאַלער פּאָעמע.

ב

יצחק קאַצענעלסאָן האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט קינדער־לידער. די ברייטע גאַמע פון זייער טעמאַטיק האָט אַרומגענומען לידער וועגן נאַטור און בעל־חי, דאָרף און שטאָט; לידער לייכטע, שטיפערישע מיט קונדסריי־שטיק פון לעבן צווישן קינדער, באַהאַפטענע מיט געזאַנג און טאַנץ, באַשטימטע פאַר שפּיל, מיטן ציל צו אַנטוויקלען די מאָטאָרישע כוחות פון קינד: אין דעם ליד אונדזער מאַרש (איינס און צוויי און דריי און פיר, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר), האָט ער געלערנט יידישע קינדער גיין "שטאָלץ און זיכער, די קעפּלעך העכער", ווייל דערעיקרשט דאַרף אַ מענטש "פּאָרויס גיין" און "נישט שטיין". אין ליד בעלי־מלאָכות האָט ער געוועקט ליבע צו אַרבעט, געלערנט די קינדער הובלען ווי סטאָלערס, נייען ווי שניידערס און הייבן האַמערט ווי קאָוואַלעס. אין פעלד־אַרבעט האָבן די קינדער געאַקערט מיט אַקערס, געשניטן מיט קאָסעס און געבונדן סנאָפּעס. און אין באַשעפעניש איז איינער געוואָרן אַ בין, אַ צווייטער - אַ זומערפייגעלע און אַ דריטער - אַ מלאָכל.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט אויך פאַרעפנטלעכט שאַפונגען פאַר טעאַטער ווי מכירת־יוסף, החשמונאים, אויך תנכישע דראַמעס אמנון און תמר, נביא, על נהרות בבל - אַ רייכע פּאַליטרע פון טעמעס, וואָס האָבן אויפגעדעקט היסטאָרישע עפּיזאָדן פון וווייטן עבר, פאַרבונדן מיטן פולבלוטיקן לעבנשטייגער פון דער נייער צייט.

די שורות פון יצחק קאַצענעלסאָנס לידער האָבן זיך געבעטן פאַרטאָנט צו ווערן. עס זענען אין זיי געווען באַהאַלטן ריטמישער געבוי און קלאַנגלעכע זוימען, די פערזן האָבן סוגערירט דעם מוזיקער זיי צו געבן מוזיקאַלע הילעס. האָבן טאַקע אַ סך פון זיינע לידער, אַזוי יידישע ווי העברעישע, באַקומען טאָנאַלע באַקליידונג פון די קאָמפּאָזיטאָרן ישׂראל גלאַטשטיין און אברהם דאַווידאָוויטש. ביידע זענען געווען באַקאַנטע דיריגענטן אין פאַרמילחמהדיקן וואַרשע. דער ערשטער איז געווען דיריגענט אין יידישן טעאַטער

און דער צווייטער - דיריגענט פֿון כאָר אין דער נאָזשיק־סינאַגאָגע אין וואַרשע. און אַזוי האָט דער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן צעפלאַקערט די פֿאַנטאַזיעס פֿון די קינדער פֿון די אָרעמע יידישע געסלעך און אין זייערע מוחלעך אַריינגעוועבט נייע געדאַנקען. אַפֿילו אַזוינע לידער ווי דאָס אָרעמע קרעמערל, גן־עדן, אָדער מאָטל קונדס און ענלעכע, האָבן אין זיך פֿאַרמאָגט ווערטן פֿון דערציערישן כאַראַקטער, און האָבן געהאָלפֿן אין קינדישע הערצער איינפֿלאַנצן דרך־ארץ צו עלטערע, צוגעבונדנקייט צו אייגענעם שטייגער, חברישקייט פֿון איינעם צום צווייטן, פֿיינקייט און עסטעטישן געשמאַק.

און נישט נאָר קינדער־לידער. אין דער צייט פֿון זיין שאַפֿערישן שוווּנג, איז פֿון אונטער זיין פֿעדער אַרויס אַ ליד, וואָס דאָס אַליין האָט געסטייעט אויף אים אַרייצופֿירן אין פֿאַנטעאָן פֿון פּאָלקישן קולטור־אוצר. די זון פֿאַרגייט אין פֿלאַמען, אַ שוואַרצזעעוודיק ליד, אַן אויסדרוק פֿון אָפּהענטיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט; צוועלף קורצע שורות, וואָס האָבן מיט זיך געטראָגן נאַכט און טרויער, זונפֿאַרגאַנג און לעצטע שטראַלן; פֿאַרלוירענע טרוימען פֿון יחיד און כלל; אַן אָנזאָג פֿון אָנקומענדיקן חורבן. דער פּאַסיק צוגעשניטענער מעלאָדישער לבוש פֿון ישראל גלאַט־שטיין, האָט דעם ליד געגעבן די טיפּישע אייגנאַשפֿטן פֿון אַ פֿאָלקסליד. דאָס ליד איז געוואָרן אַ בן־בית אין יידישע היימען, און ס'איז אָפֿט געזונגען געוואָרן בעת געזעלשאַפֿטלעכע צוזאַמענטרעפֿן.

ג

יצחק קאַצענעלסאָן איז אַלע יאָרן געווען אייגעשפּאַנט אין וואָגן פֿון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל, און ווי אַ דערציער אומעטום געוועקט חלוצישע התעוררות צווישן יונגן דור. ער האָט די יידישע ייִנגלעך און מיידלעך געוויזן דעם וועג צו אייגענער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג. ער איז געוואָרן דער גייסטיקער טאַטע פֿון דער חלוצים־הכשרה אויפֿן נאָמען פֿון בער באָראָכאָוו אין לאָדזש. ער פֿלעגט אין זייער מחיצה פֿאַרברענגען גאַנצע אָוונטן און שבתים, אין זיי אַריינגעבלאָזט נשמה־יתירהדיקייט און אויף זיי משפּיע געווען מיט זיין בשפֿעדיקער רוחניות. ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון דעם שמח־בחלקודיקן קאָלעקטיוו. און פּאַראַלעל צו זיינע יידישע ליטעראַרישע שאַפֿונגען, האָט ער אויך איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה פֿון העברעישע לידער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין גלות־פּוילן, האָבן אָבער געהאַט מזל אויך פֿאַרשפּרייט צו ווערן אין ארץ־ישראל.

הידד, הידד, גינה קטנה מיט דער מוזיק פֿון אַברהם דאַווידאָוויטש, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָדע צו דער נאַטור, ליבע צום בוים און זיינע בלעטער, אַ לויב די בלומען באַנעצטע מיט ראָסע און אַ געזאַנג צום פֿייגעלע, וואָס פֿליט איבער אונדזערע קעפּ - אַן אויסרוף פֿון אַנטציקונג מיט אַלץ וואָס גרינט, שפּראָצט און בליט. אַן אַנדער ליד, שיר הקוצרים, - אַ רומגעזאַנג פֿאַרן פּויער, וואָס לעבט פֿון זיין האָרעוואַניע אויפֿן פֿעלד, פֿאַרערונג פֿאַרן אַרבעטסמענטש, וואָס איז זיך מפרנס פֿון דער אַרבעט פֿון זיינע דלאָניעס - אַ רוף זיך צו אידענטיפֿיצירן מיטן דאָרפֿמענטש און מיטן פֿיזישן אַרבעטער.

די לידער פֿון יצחק קאַצענעלסאָן האָבן אין זיך פֿאַרמאָגט ליכטיקייט און יוגנטלעכן חן, עמאָציאָנעלע דערהויבנקייט און אידעישן פּאַטאָס. ער האָט אויך איינצייטיק געשאַפֿן העברעישע לידער, וואָס זענען געווען באַפֿאַרבט מיט ראָמאַנטישן צויבער. זיי זענען געזונגען געוואָרן שוין אין דער צייט פֿון דער צווייטער עלייה (אין אָנהייב פֿון אונדזער

יאָרהונדערט) אין די מושבות און אין די ערשטע קיבוצים אין ארץ ישראל: מה יפים הלילות בכנען, אַן אידיליש־ראָמאַנטישער טעקסט, וואָס באַזינגט די ברויזנדיקע געפילן פון אַ פּאַסטעך צו דער שפּרינגענדיקער אויף די בערג רחל; גילו הגלילים (פּרייט זיך איינוווינער פון גליל), אַן אויסגאָס פון קלאַנגען, וואָס דער שומר ישראל שפּילט אויס אויף זיין פּויאַרקע, ווען ער היט דאָס האָב און גוטס פון זיינע ברידער; שליחי טרם אָתאָ (מיין שליח איז נאָך נישט געקומען), אַ ליבעליד פון אַ בחור, וואָס בענקט צו זיין אויסגעטרוימטער אין דער פּאַנטאַזיע געליבטער - לידער צוזאַמענגעוואַקסענע מיטן פּייסאַזש פון דער ארץ־ישראלדיקער ערד, רעאַליעס פון דעם נייעם, זיך בויענדיקן לעבן אין אייגענעם לאַנד. די אָ לידער האָט ער געשריבן אונטערן איינדרוק פון זיינע באַזוכן אין ארץ־ישראל, בעיקר אין עין־חרוד, ווו ס'האָט געוווינט זיין פּעטער יצחק טאַבענקין, איינער פון די אָנגעזעענדיקסטע פירער פון דער אַרבעטערשאַפט.

די מוזיקאַלע מאָטיוון פון די לעצטע לידער האָבן שוין פאַרמאָגט אין זיך מזרחדיקן קאָלאָריט, אָפּט פרעמדלעכע דעם יידישן אויער, דאָך שמעקט פון זיי דער אַראָמאַט פון עפּעס יידישס, עפּעס פון אַלטן אַמאָל מיט אַ צונויפמיש פון אַ נייער ווירקלעכקייט.

ד

אין וואַרשעווער געטאָ איז יצחק קאַצענעלסאָן געווען אומדערמידלעך אין זיינע טוונגען אויפן געביט פון קולטור און דערציונג. ער איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע (איקאָר), לערער און לעקטאָר אויף פאַרשיידענע קורסן, געלייענט רעפעראַטן, מיטגעאַרבעט אין דער פּעריאָדישער אויסגאַבע המדריך, אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז און אויפגעפירט אייגענע פּיעסעס, צווישן זיי די דראַמע יזכור, געהייליקט איינעם פון די אויסגעזידלטע קיבוצים. דאָס לעצטע ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין געטאָ איז געווען אַרויס איז געגאַנגען אַ ייד אויף דער גאַס, צו וועלכן עס האָט געשריבן די מוזיק יעקב גלאַטשטיין, אַ ברודער פון ישראלן, דער באַקאַנטער דיריגענט פון בונדישן "צוקונפט"־כאָר אין וואַרשע. דאָס ליד - וואָס איז געווידמעט געוואָרן די, וואָס זענען אַרויס אין גאַס און מער נישט צוריקגעקומען, איז געווען דער עכטסטער שפּיגל פון קאָשמאַריק־גרויליקן מצב, אין וועלכן יעדער יחיד האָט זיך דעמאָלט געפונען. עס איז דעריבער זייער שנעל פּאָפּולער געוואָרן.

און דאָ לאָמיר נאָכאַמאָל דערמאָנען די היסטאָריש־דאָקומענטאַרע און ליטעראַריש־קינסטלערישע וואַלאָרן פון ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק. דאָס איז אַ טיף־פּאָעטישע כראָניק, וואָס איז געשריבן געוואָרן בעתן דויערן פון די פאַרגעקומענע געשעענישן; עכאָס פון די שוידערלעכקייטן אין דער צייט, ווען די היטלעריאַדע האָט זיך געפונען אין שפּיץ פון איר צעווילדעוועטקייט און די שוואַרצע נאַציפּעסט האָט געבושעוועט אָן אָפּהאַלט. און נישט געקוקט וואָס יצחק קאַצענעלסאָן האָט געשריבן זיין ווערק בשעת דער חלף איז אים געלעגן אויפן האַלדז, האָט ער נאָך פאַרמאָגט דעם גייסטיקן כוח אַרויסצוברענגען אַ קרעפטיקע פּאָעמע פון הויכן קינסטלערישן ווערט. גוט פּלאַנירטע אין פאָרעם און דורכגעטראַכטע אין אינהאַלט, זענען די סטראָפעס מיט זייערע לאַנגע שורות, אָנגעפּיקעוועט מיט שמייסנדיקע ווערטער קעגן דער פאַרגליווערטקייט פון וועלטגעוויסן - איינגעהאַלטן אין די טראַדיציאָנעלע ראַמען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ קונסטווערק,

וואָס איז זיכער ראוי געמאָסטן צו ווערן מיט ליטעראַטור־קריטיעריעס אין צייטן פון נאָרמאַלער עקסיסטענץ.

מיר קענען פּאָעטן פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס זייערע עלעגיעס זענען אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור. די עלעגיעס פון אַלט־רוימישן אָווידיוס, פון פּוילישן יאַן קאָכאַנאָווסקי, פון ענגלישן זשאָן מילטאָן און די תנכישע עלעגיע פון ירמיה - די אַלע זענען אויסגעקלאָגט געוואָרן נאָך טראַגישע איבערלעבענישן פון זייערע שאַפערס: פּאָסטפאַקטומדיקע דיכטונגען, אַנטשטאַנענע מיט רעטראָספּעקטיוון בליק אויף פאַרגאַנגענע פּאַסירונגען. דער פאַל פון יצחק קאַצענעלסאָנס ליד פון אויסגעהערגטן יידישן פאָלק, איז אַן אַנדערער. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פּאָעט, וואָס האָט אין באַדינגונגען פון נויט און טויט, ווען ווייב און קינדער האָבן געברענט אין גאַז־קאַמערס און ער אַליין האָט זיך געפונען אין די שפּאָנעס פון מלאך־המוות, געהאַט די אינטעלעקטועלע גבורה אויסצושרייען נישט בלויז דעם אייגענעם, נאָר אויך דעם וויי־געשריי פון קאָלעקטיוו, צווישן וועלכן ער האָט געלעבט; דאָס איז אַן עדות־זאָגן פון דער ערשטער קוועלע וועגן די טראַגישע לעבן־טויט־באַדינגונגען אין וואַרשעווער געטאָ; דאָס איז אַ דיכטערישער עפּאָס וועגן פאַקטן און סיטואַציעס, וואָס האָבן נישט געהאַט זייערס גלייכן אין קיין שום צייט און ביי קיין שום פאָלק.

דעריבער האָט יצחק קאַצענעלסאָן זיך דערוואָרבן דעם זכות צו סימבאָליזירן דעם גייסט פון אויסגעמאָרדעטן יידישן פאָלק, און מען קען אים באַצייכענען ווי דעם מאַרטירער פון אונדזערע אותיות פורחות, וואָס האָבן אַפילו אין יענע שוואַרצע טעג נישט אויפגעהערט צו שוועבן איבער די קעפּ פון עם־הספר. ער האָט זיך, אי מיט זיינע שאַפונגען, אי מיט זיינע מעשים, פאַרזיכערט אייביקייט אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.

יולי 1999


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"



אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

## יצחק קאַצענעלסאָן

# גערענקסט*

כ׳האָב ליב דיך רופן ביי דיין נאָמען, כ׳האָב ליב אַרויסזאָגן אים:
חנהלע! כ׳האָב ליב
צו דיר זיך ווענדן נאָך דיין אַוועקגענומען ווערן מיט מיין פאָלק.
דו ענטפערסט מיר, דו שענקסט
דיין בליק פון דיינע אויגן מיר די ליכטיקע, דיין אומעטיק גוטן
שמייכל אויף דיין ליפּ,
כ׳האָב ליב דיך רופן אין מיין איינזאַם זיין, אין עלנט מיינעם פרעגן
דיך: גערענקסט?
גערענקסט? כ׳האָב ליב דיך פרעגן צי גערענקסטו? חנהלע, אָ, קום,
קום נענטער צו מיר צו,
לייג אויפן אַקסל מיר דיין הערלעכן דיין קאָפּ און דיינע האָר די
שוואַרצע מיטן ווייסן שרונט -
נעם אין אָרעמס מיך, שטאַרק מיך... כ׳האָב דיך אַרויסגערופן
פון דיין רו,
רו נישט, חנהלע, אָ נישט פאַרהיילט זאָל ווערן אין פאַרגעסנהייט,
די אייביקע די ווונד.
זעץ מיט מיר אַוועק זיך, איך האָב דאָך ליב אַזוי דיך... אין מיין
ליבע געוואַלדיק, הער מיך אויס, וואָס איך זאָג,
דו הערסט! דו הערסט! באַגליקסט אין גרויסן אומגליק מיך, מיין
חנהלה, מיין פרוי!
אין גרויסן ווייַ אין אונדזערן, אין אויפהערן, באַפרוכט איך דיך
פאַר אַלע וועלטן - טראָג
די פרוכט פון אָנקלאָג ווי מיינע זין אין דיר, טראָג, פאַרטראָג אין
אַלע וועלטן זינדיק, רוי און גרוי!
גערענקסט דאָס גרויזאַמסטע, דאָס שוידערלעכסטע, דאָס
אומברההמנותדיקע
אויף דער וועלט?
גערענקסט? איך ווייס אַז דו גערענקסט, דו האָסט אין אַלע אייביקייטן
מיטגענומען עס -
דו און מיינע זין, איר וועט גערענקען אייביק אים, דעם מאָרד פון
אייער פאָלק און וועגן דעם פאַרגעלט,
איך אויך! איך וויל׳ס אויך און האָב אַלץ מורא! ס׳זאָל די שעה נישט
זיין - און איך פאַרגעס...

*) פראַגמענט פון דער פּאָעמע "דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק"

צבי אײַזנמאַן / קיבוץ אלונים

# עלקעלע און משהלע

איך בין שוין גרוי און אַלט. איך גיי שוין ביים ראַנד פון לעבן. די זון איז הינטער מיר. כ'בין שוין ווייט אַוועק מיט די יאָרן פון מיין געהרגעטן טאַטן, פון מיין אומגעבראַכטער מאַמען. זיי זענען איצט מיינע קינדער, וואָס עלטערן זיך ניט מער. זיי וואַרטן אויף מיין גלעט, זיי הערן זיך איין צו מיין וואָרט. זיי וועלן ניט טאָן קיין זאַך אָן מיין וויסן. זיי וועלן זיך ניט לייגן שלאָפן אָן צו זאָגן "אַ גוטע נאַכט". זיי וועלן זיך ניט דערווייטערן פון מיר אויף אַ טראָט. אָן מיר וועלן זיי ניט אַריבערשפּרייזן די גאַס. אָן מיין הסכמה וועלן זיי ניט פאַרבעטן אַ חבר, ניט אַריינגיין אין אַ קראָם און זיך אויסקלייבן אַ שפּילצייג, אַ נאַש.

איך רוף שוין מער ניט די מאַמע "עלקע", נאָר "עלקעלע" און דער טאַטע הייסט שוין מער ניט משה, נאָר "משהלע". פון איצט און ווייטער זענען זיי מיינע קינדער.

קינדערלעך – זאָג איך זיי – גייט, פאַרברענגט אַ ביסל מחוץ דער שטוב. עס איז ניט גוט, ניט פאַר אייך און ניט פאַר מיר, איר זאָלט זיין שטובזיצערס. די וועלט איז שיין, די וועלט איז גערוים. גענייסט פון איר ווי לאַנג עס לאָזט זיך, ווי לאַנג איר קענט.

עלקעלע, פאַרקעם די האָר ווי עס דאַרף צו זיין, זאָלן זיי דיר ניט פאַרדעקן דאָס בלוי פון דיינע אויגן. טו אָן דאָס בלויע קליידל, ווי אויף יענער פרי־קינדערישער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז אין איינעם מיט דיר פאַרברענט געוואָרן.

משהלע, זיי ניט איינגעהאַלטן, קווענקל זיך ניט. ביסט געווען זעלבשטענדיק, דרייסט, דערוועגט. אַזוי וויל איך דיך זען ווייטער. איך קאָן ניט פאַרטראָגן ווען דו דרייסט אַוועק דעם קאָפּ, איך זאָל ניט באַמערקן די צעטומלונג אין דיין בליק, טאָמער וועל איך דיך לאָזן אַליין אין מיטן וועג און דו וועסט דאַרפן באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. געדענק, דו ביסט עלטער פון עלקעלען און זי דאַרף דיין אָנשפּאַר. זי קוקט צו דיר, ווי מען קוקט דורך דער שויב, צי עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אויפן הימל און דער הייליקער שבת איז שוין אַוועק.

דו קאָנסט ניט איינגנורען דיין קאָפּ צווישן מיינע אָרעמס און זיך איינרעדן אַז דו ביסט נישטאָ, אַז אַלץ אַרום דיר גייט דיך ניט אָן, אַז אַלע פּורעניותן וועלן דיך אויסמיידן, אַז מיינע פויסטן וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן, אָפּשטויסן יעדע סכנה פון דיר.

פאַרגעס ניט, דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר עלקעלען. דו ווייסט דאָך יאָ, דו ווייסט דאָך, אַז אַרום אייך ווערט דער קרייז אַלץ שמעלער און שמעלער, אַז דער עיגול האָט אַ ריגל און מען קאָן ניט פון אים אַנטרונען ווערן. עס שטייט אין פּסוק: "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" – עס איז גאָר אוממעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל טאָן נאָר גוטס און קיין מאָל ניט זינדיקן. די זינד שטעלן אויף אָן אייזערנע וואַנט, וואָס פאַרצוימט פאַר דעם ניפטרס נשמה דעם וועג און זי קאָן ניט אַרויפגיין און קומען צו איר רו.

ס'איז אָבער ניטאָ אַזאַ פּסוק, וועגן די וואָס מען האָט אין רעכטן בלי פון די יאָרן, אין סאַמע מיט פון לעבן, פאַרלענדט, פאַרברענט, אָן אַ טאַלק, אָן אַ זין, אָן זינד, אַזוי אויף הורט, אויף בלינד!

און ניטאָ קיין פּסוק, וואָס זאָל פאַרווייכערן, פאַרלייכטערן, מילדערן דעם חטא פון לאָזן זיך אָנרעדן, איינרעדן פון טאַטע־מאַמע, צו גיין, צו לויפן, אַנטלויפן, אָן אומצוקוקן זיך, אָן אויפהייבן דעם בליק, אָן צו זען, ווי צווישן אים און זיי פאַלט איין, זינקט אַראָפּ די לעצטע, די איינציקע בריק.

משה שקליאַר

# איך און וואַן גאָגס שיך

איצט שטייען זיי שטיל אין אַ רעם
און קוקן אויף מיר פון אַ וואַנט,
און מיר האָט דאָס האַרץ זיך פאַרקלעמט -
איך וואָלט זיי געגלעט מיט דער האַנט

די אַלטע צעדרייטע פּאָר שיך,
וואָס האָבן אַמאָל מיך געפירט
אויף בלאָטיקע וועגן און איך
זייער ריח האָב איצטער דערשפּירט.

מיר דאַכט, איך הער אַלץ נאָך די זויל,
וואָס פליעסקעט אין שטייניקן ברוק
אַזוי ווי אַ פיש, וואָס זיין מויל
איז טויט שוין נאָר וויל נאָך אַ שליוק...

האָט ער זיי, די שיך, אין פּאַריז,
דער אָרעמער קינסטלער וואַן גאָג
אַראָפּגעשלעפּט פון זיינע פיס
אַ מידער פון וואַנדער בייטאָג

און איצטער זיי קוקן אויף אים
מיט פּעטליעס אַרוס זייער האַלדז,
און ס׳קאָן שוין נישט מער זייער שטים
דערציילן די גרינקייט פון וואַלד?

און אפשר גאָר האָבן די שיך
פון אוישוויץ פאַרבלאָנדזשעט אַהער
און איצטער זיי קוקן אויף מיר
ווי כ׳וויש פונעם אויג אויס אַ טרער?

\- - - - - - - - - - - - - - - - - -

צווי שיך אינעם בילד פון וואַן גאָג,
פאַרבלאָטיקטע שיך פון פּאַריז,
מיר דאַכט זיך איך פיל זייער קלאָג,
זייער פּיין אין מיין האַרצן פאַרקריצט...

* * *

אַלץ אין אויג פאַרדהיטן,
אַלע פאָרמען, אַלע פאַרבן
די גרין־בלויע, רויט צעגליטע,
אין זיכרון זיי פאַרקאַרבן

און אַרויסרופֿן זיי ווידער
אין גרויע טעג פֿון צער און אומעט
אַזוי ווי לאַנג געהערטע לידער
וואָס אַליין זיך אָפּטמאָל ברומען.

אַלץ געדענקען, אַלץ פֿאַרהיטן
און אַליין אַ פֿינטל ווערן
אויף אַ קאַנווע אין דערמיטן,
ווי אַ צאַפּלדיקער שטערן.

## אויף דיין האַנט

אויף דיין האַנט דער טאַטוירטער נומער -
אַזוי פֿיל יאָרן זענען שוין פֿאַרפֿלויגן,
און איך זע אַלץ נאָך יענעם זומער,
ער שטייט מיר אַלץ נאָך פֿאַר די אויגן.

פֿון הימל האָט געטראָגן זיך אַ חמימה,
די זון געשטאַנען איז אַ הייס-צעגליטע,
און אויף געטאָ-גאַסן - אַ מהומה -
געבלאַנקט האָט שוין דאָס מעסער פֿאַר דער שחיטה.

דו ביסט פֿאַרשווונדן צווישן די וואַגאָנען
אויפֿן אומשלאַג-פּלאַץ - אַ שאָטן צווישן שאָטנס,
און געבליבן בלויז איז אַ דערמאָנונג -
דיינע אויגן צווישן דראָטן.

און איצט ווען כ׳זע דעם טאַטוירטן נומער
אויף דיין האַנט - בלויז הויט און ביינער,
דערמאָן איך ווידער יענעם זומער
ווען מיט פּיין געבליבן כ׳בין אַליין נאָר.

און כאָטש געווען כ׳בין דעמאָלט ווייט פֿון יענע
שחיטה-פֿעלדער הינטער דראָטן,
געפֿילט האָב איך די פֿלאַמען פֿון גיהנום
גלייך מען וואָלט דאָרטן מיין פֿלייש געבראָטן...

און געפֿילט כ׳האָב ווי מען ברענט דעם נומער
אויף מיין האַנט און אין מיין האַרץ אויף יאָרן.
איצט הייסטו מיך פֿאַרגעסן יענעם זומער,
נאָר ווי קאָן מען פֿאַרגעסן דעם זיכרון...

## ערדציטערניש

ווען די ערד האָט געציטערט
געצאַפּלט אין קראַמפּן
ווי בלוט וואָלט פון אָדערן
אירע גערונען
האָב איך געהערט
ס'געוויין פון אַ קינד
דעם קרעכץ פון אַ מאַמען
וואָס איז ערגעץ ווייט
אַראָפּ פונעם זינען
און געזוכט אָט דעם קרעכץ
אינעם אינגעווייד טיף
פון דער ערד
וואָס האָט זיך געהאַלטן
אין שפּאַלטן

און מיר האָט געדאַכט
איך שטיי דאָרט ביים ראַנד
און פּרוּוו
מיט געפּענטעטער האַנט
דאָס קינד און די מאַמע
די גאַנצענע ערד
וואָס האָט זיך צעהוידעט
פאַרטוליען פאַרוויגן
אין איינעם
נאָר די ערד
זי האָט אַלץ נאָך געציטערט
און דאָס קינד אין מיר
האָט נישט אויפגעהערט וויינען

## ערב

דער לעצטער טאָג פון לעצטן יאָר -
אָט פאַרגייט אַ גאַנץ יאָרהונדערט.
אין דמיון כ'זע אַ דור נאָך דור
פאַרגיין צוזאַמען, און כ'באַוואונדער

די טריט פון דורות, וואָס זיי האָבן
דורכגעריסן פייער, פלאַמען,
נישט געלאָזן זיך פון ראָבן
און וועלף פאַרצוקן, און דורך ימען

פון בלוט און טרערן דורכגעשווומען
צו אַ האַפן, כאָטש אומזיכער
איז נאָך אַלץ, און בייזע שטורעמס
טראָגן אָן זיך מיט געוויכער...

וועלן זיי, די נייע דורות,
בייקומען די בייזע שטורעמס
און אַנטקעגן גיין אָן מורא
דעם מיניענדיקן וווּנדערטורעם

וואָס אָט איז ער שוין זייער נאָענט
מיט דער האַנט בלויז צו דערלאַנגען,
און אָט ער ווערט אַלץ ווייטער, גראָער,
און מען דאַרף זיך ווידער ראַנגלען

צו באַהערשן זיינע שאַנצן
און געניסן פון דעם וווּנדער,
וואָס וועט באַשיינען ערד די גאַנצע
אין איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?

31־טער דעצ. 1999

חוה ראָזענפֿאַרב / טאָראָנטאָ

# דאָס טאָגבוך פֿון לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב

ווי נסימדיק איז דער גורל פֿון שעפֿערישן וואָרט. ווי שטאַרק איז זיין לעבנס־כּוח - און דאָך, ווי אָפּהענגיק איז ער פֿון צופֿאַל. ווען לענאַ ראָזענבערג וואָלט נישט קראַנק געוואָרן און איר חלאת וואָלט זי נישט אַריינגעשליידערט אין תהום פֿון נישט־דערגרייכלעכן שווייגן; ווען איר מאַן, שלום ראָזענבערג - דער פֿאַרייזער קולטור - טוער און טיכטיקער מיטגליד אין דער אָנפֿירונג פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק - וואָלט, אין זיין צער און יאוש, נישט געזוכט אַן אופֿן ווי זיך אָנצוהאַלטן אין דער פֿאַרשווינדנער לענאַ, וואָס האָט אים אויף אַזאַ פֿיינלעכן אופֿן פֿאַרלאָזן, הגם זי איז פֿיזיש פֿאַרבליבן לעבן אים - וואָלט די יידישע עפֿנטלעכקייט זיך אפֿשר קיין מאָל נישט דערוווּסט, אַז די שיינע פֿיין־נעקליידטע פֿאַריזערין, וואָס האָט (איידער זי איז קראַנק געוואָרן) נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום יידישע קולטור־אונטערנעמונג און האָט בייגעטראָגן מיט אירע געלונגענע פֿאָרלעזונגען און רעציטאַציעס צו כּלערליי יידיש־פּראָגראַמען - פֿאַרמאָגט אין זיך גאָר באַדייטנדיקע שרייבערשע פֿעיקייטן.

אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿאַרוואָגלט אין דער ווייטער סאָוועטישער פֿרעמד, האָט די פֿערצן־יאָריקע לענאַ אָנגעהויבן צו פֿירן אַ טאָגבוך. דאָס טאָגבוך ברענגט אויפֿן געדאַנק דעם אַמאָליקן סאָוויעטישן בעסט־סעללער "דאָס טאָגבוך פֿון קאָסטיאַ ריאַבצעוו". אין דער אמתן איז דאָס אַן ענטפֿער אויף יענעם בוך, אַן אָפּלייקענונג פֿון יענעם לעבן, וואָס דאָס קאָסטיאַ־ריאַבצעוו־בוך האָט באַזונגען.

לענאַס טאָגבוך לאָזט זיך גיכער פֿאַרגלייכן מיטן טאָגבוך פֿון אַננאַ פֿראַנק, נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס אַננאַ פֿראַנק־בוך איז געוואָרן אַ מין רעליקוויע, אַ הייליקטום. די סכּנה אין וועלכער אַננאַ פֿראַנק האָט זיך געפֿונען בעת זי האָט געמאַכט אירע טעגלעכע פֿאַרצייכענונגען, און דער גרויליקער גורל וואָס האָט זי דערוואַרט, וואַרפֿן אַ באַזונדער ליכט אויף דעם טעקסט וואָס זי האָט געשריבן אין איר באַהעלטעניש, און מאַכן אים קריטיש נישט־באַרירלעך.

און דאָך באַטן זיך אָן אַ צאָל בולטע ענלעכקייטן צווישן לענאַ און אַננאַס טאָגביכער. ענלעכקייטן אינעם מהות פֿון די צוויי גאָר יונגע יידישע מיידלעך,ביידע כּמעט אין דעם זעלביקן עלטער און ביידע באַשאָנקען מיט גרויסע פֿעיקייטן, מיט ליטעראַרישע אַמביציעס. ביידע לעבן זיי זיך אויס אין אַן ענלעכער געפֿילן־ספֿערע, און ווייזן אַרויס אין אַן ענלעכער מאָס זייער אינטעליגענץ און נייגער צום לעבן - הגם זיי קומען פֿון פֿאַרשיידענע וועלטן - אַננאַ פֿון ווילשטאַנד פֿון מערב־אייראָפּעישן מיטל־קלאַס, בעת לענאַ איז אַ קינד פֿון דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט. דערפֿאַר איז אַננאַ אפֿשר נאָך קינדערשער און נאָך נאַיווער פֿון לענאַן. אָבער גאָר גיך וועט אַננאַ אויף אַ טראַגישן אופֿן "קלוגער" ווערן פֿון לענאַן...

די דערוואַכנדיקע רייף־ווערנדיקע פּרווילעכקייט פֿון ביידע יונגינקע יידישע מיידלעך רופֿט זיך איבער דורך דער גאַנצער ברייט פֿון דער צעטרייבערטער אייראָפּע. זייער צאַרטער אָטעם שוועבט איבער דעם עיפּוש פֿון דער אכזריותדיקער וועלט. ביידע זענען זיי קרבנות פֿון דער גרויליקער צייט - הגם לענאַ האָט פֿיזיש איבערגעלעבט דעם חורבן און אַננאַ - נישט.

במשך פון איר גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן האָט לענאַ אָפּגעהיט די פאַרשריבענע זייטלעך פון איר מלחמה־טאָגבוך, דעם איינציקן זכר־זכרון פון איר פאַרלוירענעם אַמאָל. מסתמא האָט זי געפילט, אַז דאָס וואָס זי האָט פאַרשריבן פאַרמאָגט אַ ווערט, נישט נאָר פאַר איר אַליין. אַז עס פאַרמאָגט אַ היסטאָרישן און ליטעראַרישן ווערט. מעגלעך, אַז צוליב איר דרך־ארץ צום ענין שרייבן האָט זי זיך קיין מאָל נישט דערוועגט דאָס טאָגבוך אָפּצודרוקן.

איצטער, ווען לענאַ איז אַזוי קראַנק געוואָרן, און אירע אייניקלעך זענען אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון איר - האָט שלום ראָזענבערג, איר מאַן, אַרויסגעגעבן לענאַס טאָגבוך אונטערן נאָמען "פון היים צו נע־ונד", כדי אירע אייניקלעך און אויך אַנדערע יידישע אייניקלעך זאָלן דערזען זייערע באָבעס אין דער פולער שיינקייט פון זייער שטאָלצן גאַנג איבער די שטייניקע דרכים פון דער יידישער געשיכטע פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אַזוי האָט שלום ראָזענבערג באַוויזן פאַר אונדז זיין לענאַ פון אַמאָל, און האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ לענאַ פון היינט; און פון היינט אָן - אויף שטענדיק, האָט ער זי צוריקגעבראַכט צום לעבן אין איר פולער נשמה־רייכקייט, אין דער סאַמע צעבליונג פון איר יונגער פרוילעכקייט, פון איר אינטעלעקט, מיט איר חכמה און איר אומשולדיקער נאַיוויטעט. ער האָט זי אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור און געלאָזט איר רעדן צו אונדז דורך אירע אינטימע שורות, געשריבענע אין אַ וווּנדערלעך־קלאָרן יידיש, רייד נישט־באַפּוצטע, אויפריכטיקע, אַדורכנעמענדיקע מיט זייער שאַרפן18 ווייטיק און בענקשאַפט, רייד מן הלב. אין לויף פון איר שרייבן באַווייזט זי זיך פאַר אונדז אין דער פּראַכטפולער געשטאַלט פון אַ זעכצן־זיבעצן־יאָריק יידיש מיידל אין איר מוטיקן געראַנגל מיטן גורל, מיט אירע יסורים פון בענקשאַפט צו דער מאַמען, צו איר גאַנצער פאַרלוירענער משפחה, מיט איר אייזערנעם אויסדויער, מיט איר לעבנספרייד און מיט איר עקשנותדיקן ווילן צום לערנען, צום וויסן און שטודירן.

אויסערלעך איז דאָס בוך אַ יום־טוב פאַרן אויג, זויבער און שיין אַרויסגעגעבן, מיט אַ זייער פאַסיקער הילע־מאָלעריי פון יאָסל בערגנער.

לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק ביי זייער אָרעמע עלטערן. צומאָל האָט געטראָפן, אַז עס האָט פאַרפעלט דער ביסן ברויט אין דער חיים. די לענאַ, וואָס איז מיר באַקאַנט פון פאַריז אין איר אויסנעמלעך פיינער קליידונג און עלעגאַנטן אויסזען, האָט ווי אַ קינד קיין מאָל קיין לייטישן מלבוש נישט פאַרמאָגט. די עלטערן זענען אָפט געווען געצוווּנגען אַריינצוגעבן די קינדער, לענאַן מיט אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, אין אַן אַנשטאַלט, כדי זיי זאָלן נישט הונגערן. דאָך האָט זיך די משפחה צומאַנגעהאַלטן אַ דאַנק דער געטריישאַפט פון דער מאַמען און דער ליבשאַפט וואָס. האָט געהערשט צווישן די משפחה־מיטגלידער.

סוף זומער פון יאָר 1939 האַלט לענאַ ביים אָפּפאָרן אין אַ קינדער־קאָלאָניע אויף נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן. אָבער פון די פּאָר וואָכן ווערט אַן אייביקייט. די צווייטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס. לענאַ, צוזאַמען מיט דער גאַנצער קינדער־קאָלאָניע, ווערט עוואַקוירט אין טיף־רוסלאַנד. מער קיין מאָל וועט זי נישט ווידער זען די ליבלעכע מאַמען וואָס האָט זיך אַזוי געפּאָרעט אַרום איר, ווען זי האָט צוגעגרייט איר טאָכטער צו איר ערשטן אַרויספאָר פון דער חיים, ווי לענאַ באַשרייבט דאָס. מער קיין מאָל וועט זי נישט זען דעם טאַטן, איר ברודערל און שוועסטערל.

חוה ראָזענפֿאַרב / טאָראָנטאָ

# דאָס טאָגבוך פֿון לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב

ווי נסימדיק איז דער גורל פֿון שעפֿערישן וואָרט. ווי שטאַרק איז זיין לעבנס־כּוח - און דאָך, ווי אָפּהענגיק איז ער פֿון צופֿאַל. ווען לענאַ ראָזענבערג וואָלט נישט קראַנק געוואָרן און איר חלאת וואָלט זי נישט אַריינגעשליידערט אין תּהום פֿון נישט־דערגרייכלעכן שוויגן; ווען איר מאַן, שלום ראָזענבערג - דער פֿאַרייזער קולטור - טוער און טיכטיקער מיטגליד אין דער אָנפֿירונג פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק - וואָלט, אין זיין צער און יאוש, נישט געזוכט אַן אופֿן ווי זיך אָנצוהאַלטן אין דער פֿאַרשוויגענער לענאַ, וואָס האָט אים אויף אַזאַ פֿיינלעכן אופֿן פֿאַרלאָזן, הגם זי איז פֿיזיש פֿאַרבליבן לעבן אים - וואָלט די יידישע עפֿנטלעכקייט זיך אפֿשר קיין מאָל נישט דערוווּסט, אַז די שיינע פֿיין־נעקליידעטע פֿאַריזערין, וואָס האָט (איידער זי איז קראַנק געוואָרן) נישט אַדורכגעלאָזט קיין שום יידישע קולטור־אונטערנעמונג און האָט בייגעטראָגן מיט אירע געלונגענע פֿאָרלעזונגען און רעציטאַציעס צו פֿלערליי יידיש־פּראָגראַמען - פֿאַרמאָגט אין זיך גאָר באַדייטנדיקע שרייבערשע פֿעיקייטן.

אין דער צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿאַרוואָגלט אין דער ווייטער סאָוועטישער פֿרעמד, האָט די פֿערצן־יאָריקע לענאַ אָנגעהויבן צו פֿירן אַ טאָגבוך. דאָס טאָגבוך ברענגט אויפֿן געדאַנק דעם אַמאָליקן סאָוויעטישן בעסט־סעללער "דאָס טאָגבוך פֿון קאָסטיאַ ריאַבצעוו". אין דער אמתן איז דאָס אַן ענטפֿער אויף יענעם בוך, אַן אָפּלייקענונג פֿון יענעם לעבן, וואָס דאָס קאָסטיאַ־ריאַבצעוו־בוך האָט באַזונגען.

לענאַס טאָגבוך לאָזט זיך גיכער פֿאַרגלייכן מיטן טאָגבוך פֿון אַננאַ פֿראַנק, נישט געקוקט דערויף וואָס דאָס אַננאַ פֿראַנק־בוך איז געוואָרן אַ מין רעליקוויע, אַ הייליקטום. די סכּנה אין וועלכער אַננאַ פֿראַנק האָט זיך געפֿונען בעת זי האָט געמאַכט אירע טעגלעכע פֿאַרצייכענונגען, און דער גרויליקער גורל וואָס האָט זי דערוואַרט, וואַרפֿן אַ באַזונדער ליכט אויף דעם טעקסט וואָס זי האָט געשריבן אין איר באַהעלטעניש, און מאַכן אים קריטיש נישט־באַרירלעך.

און דאָך באַטן זיך אָן אַ צאָל בולטע ענלעכקייטן צווישן לענאַ און אַננאַס טאָגביכער. ענלעכקייטן אינעם מהות פֿון די צוויי גאָר יונגע יידישע מיידלעך, ביידע כּמעט אין דעם זעלביקן עלטער און ביידע באַשאָנקען מיט גרויסע פֿעיקייטן, מיט ליטעראַרישע אַמביציעס. ביידע לעבן זיי זיך אויס אין אַן ענלעכער געפֿילן־ספֿערע, און ווייזן אַרויס אין אַן ענלעכער מאָס זייער אינטעליגענץ און נייגער צום לעבן - הגם זיי קומען פֿון פֿאַרשיידענע וועלטן - אַננאַ פֿון ווילשטאַנד פֿון מערבֿ־אייראָפּעיִשן מיטל־קלאַס, בעת לענאַ איז אַ קינד פֿון דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט. דערפֿאַר איז אַננאַ אפֿשר נאָך קינדערשער און נאָך נאַיוויער פֿון לענאַן. אָבער גאָר גיך וועט אַננאַ אויף אַ טראַגישן אופֿן "קלוגער" ווערן פֿון לענאַן...

די דערוואַכנדיקע רייף־ווערנדיקע פֿרויִלעכקייט פֿון ביידע יונגינקע יידישע מיידלעך רופֿט זיך איבער דורך דער גאַנצער ברייט פֿון דער צעטרייבערטער אייראָפּע. זייער צאַרטער אָטעם שוועבט איבער דעם עיפּוש פֿון דער אכזריותדיקער וועלט. ביידע זענען זיי קרבנות פֿון דער גרויליקער צייט - הגם לענאַ האָט פֿיזיש איבערגעלעבט דעם חורבן און אַננאַ - נישט.

במשך פון איר גאַנצן שפּעטערדיקן לעבן האָט לענאַ אָפּגעהיט די פֿאַרשריבענע זייטלעך פון איר מלחמה־טאָגבוך, דעם איינציקן זכר־זכרון פון איר פֿאַרלוירענעם אַמאָל. מסתמא האָט זי געפילט, אַז דאָס וואָס זי האָט פֿאַרשריבן פֿאַרמאָגט אַ ווערט, נישט נאָר פֿאַר איר אַליין. אַז עס פֿאַרמאָגט אַ היסטאָרישן און ליטעראַרישן ווערט. מעגלעך, אַז צוליב איר דרך־ארץ צום ענין שרייבן האָט זי זיך קיין מאָל נישט דערוועגט דאָס טאָגבוך אָפּצודרוקן.

איצטער, ווען לענאַ איז אַזוי קראַנק געוואָרן, און אירע אייניקלעך זענען אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון איר - האָט שלום ראָזענבערג, איר מאַן, אַרויסגעגעבן לענאַס טאָגבוך אונטערן נאָמען "פון היים צו נע־ונד", כדי אירע אייניקלעך און אויך אַנדערע יידישע אייניקלעך זאָלן דערזען זייערע באָבעס אין דער פולער שיינקייט פון זייער שטאָלצן גאַנג איבער די שטייניקע דרכים פון דער יידישער געשיכטע פון היינטיקן יאָרהונדערט.

אַזוי האָט שלום ראָזענבערג באַוויזן פֿאַר אונדז זיין לענאַ פון אַמאָל, און האָט זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ לענאַ פון היינט; און פון היינט אָן - אויף שטענדיק, האָט ער זי צוריקגעבראַכט צום לעבן אין איר פולער נשמה־רייכקייט, אין דער סאַמע צעבליונג פון איר יונגער פרוילעכקייט, פון איר אינטעלעקט, מיט איר חכמה און איר אומשולדיקער נאַיוויטעט. ער האָט זי אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור און געלאָזט איר רעדן צו אונדז דורך אירע אינטימע שורות, געשריבענע אין אַ וווּנדערלעך־קלאָרן יידיש, רייד נישט־באַפּוצטע, אויפריכטיקע, אַדורכנעמענדיקע מיט זייער שאַרפֿן וויטיק און בענקשאַפט, רייד מן הלב. אין לויף פון איר שרייבן באַווייזט זי זיך פֿאַר אונדז אין דער פראַכטפולער געשטאַלט פון אַ זעכצן־זיבעצן־יאָריק יידיש מיידל אין איר מוטיקן געראַנגל מיטן גורל, מיט אירע יסורים פון בענקשאַפט צו דער מאַמען, צו איר גאַנצער פֿאַרלוירענער משפחה, מיט איר אייזערנעם אויסדויער, מיט איר לעבנספרייד און מיט איר עקשנותדיקן ווילן צום לערנען, צום וויסן און שטודירן.

אויסערלעך איז דאָס בוך אַ יום־טוב פֿאַרן אויג, זויבער און שיין אַרויסגעגעבן, מיט אַ זייער פֿאַסיקער הילע־מאָלעריי פון יאָסל בערגנער.

לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק ביי זייער אָרעמע עלטערן. צומאָל האָט געטראָפן, אַז עס האָט פֿאַרפעלט דער ביסן ברויט אין דער חיים. די לענאַ, וואָס איז מיר באַקאַנט פון פֿאַריז אין איר אויסנעמלעך פיינער קליידונג און עלעגאַנטן אויסזען, האָט ווי אַ קינד קיין מאָל קיין לייטישן מלבוש נישט פֿאַרמאָגט. די עלטערן זענען אָפט געווען געצוווּנגען אַריינצוגעבן די קינדער, לענאַן מיט אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, אין אַן אַנשטאַלט, כדי זיי זאָלן נישט הונגערן. דאָך האָט זיך די משפחה צומאַנגעהאַלטן אַ דאַנק דער געטריישאַפט פון דער מאַמען און דער ליבשאַפט וואָס האָט געהערשט צווישן די משפחה־מיטגלידער.

סוף זומער פון יאָר 1939 האַלט לענאַ ביים אָפּפאָרן אין אַ קינדער־קאָלאָניע אויף נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן. אָבער פון די פּאָר וואָכן ווערט אַן אייביקייט. די צווייטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס. לענאַ, צוזאַמען מיט דער גאַנצער קינדער־קאָלאָניע, ווערט עוואַקוירט אין טיף־רוסלאַנד. מער קיין מאָל וועט זי נישט ווידער זען די ליבלעכע מאַמען וואָס האָט זיך אַזוי געפּאָרעט אַרום איר, ווען זי האָט צוגעגרייט איר טאָכטער צו איר ערשטן אַרויספאָר פון דער חיים, ווי לענאַ באַשרייבט דאָס. מער קיין מאָל וועט זי נישט זען דעם טאַטן, איר ברודערל און שוועסטערל.

לענאַ הייבט אָן צו שרייבן איר טאָגבוך ווען - פֿאַרוואָרפֿן איינע אַליין אין סאָוויעטישן הינטערלאַנד - געפֿינט זי זיך אין אַ קינדער־היים, וואָס ווערט דער הינטערגרונט פֿאַר אירע אָבסערוואַציעס פֿון לעבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. פּינקטלעך און געטריי באַשרייבט זי אירע שול־חברים, די לערער, און די פּויערים אין די דערפֿער ווו זי אַרבעט שפּעטער. זי וואַרפֿט אָן שטריכן, צייכנט סילועטן, אָבער עס באַקומט זיך אַ שאַרף בילד פֿון כלערליי טיפּן וואָס באַפֿעלקערן איר סביבה. אין אָנהייב כאַראַקטעריזירט זי, אָבער אורטיילט נישט. זי פּרוּווט פֿאַרשטיין, באַנעמען דעם מהות פֿון דעם סאָוויעטישן מענטש. אָבער זי קוקט צו צו די גנבות, שווינדלערייען און הייבט אָן פֿאַרשטיין אַז עפּעס טויג נישט מיט דעם לאַנד פֿון אירע חלומות. פּאַמעלעך וועקט זיך די גרויסע אַנטוישונג אין איר האַרץ. אָן אַנטוישונג וואָס וואַקסט אין אַ גלייכער פּראָפּאָרץ מיט איר רייף ווערן. לענאַס טאָגבוך איז אַ כראָניק פֿון אַ בהדרגהדיקער אויסניכטערונג פֿון אַ פֿאַלשן אידעאַל וואָס די יונגע פּיאָנערין לאהלע, די שפּעטערדיקע לענאַ, האָט געטראָגן אין איר האַרצן. זי האַלט אירע אויגן אָפֿן צו דעם נייעם פּרעמדן אַרום, זי זעט, אָבער קאָן נישט פֿאַרשטיין, און איז אַזוי שוידערלעך אַנטוישט. די אַנטוישונג מאַכט זי פּילן טאָפּלט עלנט, זי האָט פֿאַרלוירן נישט נאָר איר היים נאָר אויך דעם גלויבן. מיט איר יידישן וואָרט, שפּיגלט זי אָפּ די ברוטאַלע וואָר וואָס רינגלט זי אַרום בעת די גורלדיקע טעג און יאָרן פֿון איר נע־ונד.

אָט שרייבט זי: "די פֿאַרשאָלטענע מלחמה האָט צוגענומען מיין היים, מיינע עלטערן, לערער. זי האָט מיך פֿאַרוואָרפֿן אין טיפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד, כדי צוצונעמען מיין אידעע, מיין פֿאַטערלאַנד, מיין ציל אין לעבן. דער גורל האָט מיר געשענקט דאָס לעבן כדי כ׳זאָל ליידן, כדי כ׳זאָל זען ווי פֿון אַלץ וואָס איז מיר הייליק ווערט אַ תל". די אַנטיסעמיטישע אינצידענטן וואָס זי געגנט אָן ברענגען זי ממש אַריין אין אַ פֿאַרצווייפֿלונג. "ס׳איז אַן אומגליק, קלאָגט זי זיך". אויך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד הערשט אַנטיסעמיטיזם, זעקס־און־צוואַנציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע"!

אין אָט דער ברוטאַלער פּרעמד, אין אַ מוראַדיקער איינזאַמקייט, גייט לענאַ עקשנותדיק אָן מיטן שרייבן איר טאָגבוך, אין יידיש - אַ שפּראַך וואָס קיינער פֿאַרשטייט נישט, וואָס קיינער קאָן נישט לייענען. דאָס יידישע לשון הילט זי איין מיט דעם לעצטן ביסל היימישער וואַרמעקייט וואָס איז איר געבליבן. די שפּראַך זונדערט זי אָפּ פֿון דעם אַרום און העלפֿט איר אָפּהיטן איר אייגענעם פּנים, איר אַנדערשקייט. אָט שרייבט זי ביים אָנהייב פֿון איר טאָגבוך: "שוין אַ האַלב יאָר ווי כ׳בין אין דער פּרעמד. אַ האַלב יאָר ווי כ׳האָב נישט געזען קיין יידיש בוך, צייטונג, זשורנאַל. כ׳בענק שוין נאָך אַ ליטעראַרישן יידישן וואָרט, נאָך אַ געדרוקט יידיש אות. מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן די ליטעראַרישע שפּראַך. צייטנווייז מאַטער איך זיך איבערזעצן אַ גוט פֿאַרשטענדלעך רוסיש וואָרט אויף יידיש. ווי פֿאַרדריסלען דאָס איז! ווען איך טראַכט, אַז עס קאָן מיר אויסקומען צו לעבן לאַנגע יאָרן אין דער סביבה - טאָמער וועל איך אַלץ מער פֿאַרגעסן יידיש - ווערט מיר זייער טרויעריק.

די גאַנצע צייט פֿון איר נע־ונד האַלט זי זיך אין איין זאָרגן, אַז איר שפּראַך זאָל בלייבן זויבער און קלאָר. זי פּילט אין זיך דאָס שרייבערשע אָדערל און שרעקט זיך, אַז איר שפּראַך־אוצר זאָל נישט פֿאַרמינערט ווערן, און זי זאָל זיין ביכולת אַרויסברענגען אירע מחשבות ווי צום קלאָרסטן. דער עיקר זאָרגט זי זיך, אַז זי זאָל חלילה נישט אָפּגעפּרעמדט ווערן פֿון דעם גייסט פֿון דער שפּראַך, וואָס טראָגט אין זיך די נשמה פֿון

איר ביאַליסטאָקער היים, פון איר פאַרשוווּנדענער וועלט. עס איז ביי איר אַבסאָלוט קלאָר, אַז די שפּראַך איז איר אָנהאַלט, די בינדשנור וואָס האַלט זי פאַרפעסטיקט צו איר פאַרשוווּנדענער וועלט און צו איר אייגענעם איך.

אָט די טיף־רירנדיקע געטריישאַפט צום יידישן וואָרט איז אַ באַשטאַנד־טייל פון לענאַס בענקשאַפט צו דער פאַרלוירענער היים. זי בענקט פיינלעך צו דער מאַמען. זי שרייבט: "מינוטן פון שטילן ווייטיק. טיף אין האַרצן זיצט אַ ווערעמל און פרעסט, און פרעסט... איך בענק נאָך פרידן... אַהיים. אַ מאָדנער חלום האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט. איך זיץ אין הויז, וווּ ס'שטייט אַ שיפל מיט לעבעדיקע פיש. פלאָטקעס און קאַרפּן. די מאַמע זיצט אין שיפל, אויך שרהלע און משהלע. מיר דאַרפן זיך ערגעץ אַוועקשיפן. זיי וואַרטן אויף מיר. דאָ רייסט זיך איבער דער חלום... כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אויפן שמוציקן מאַטראַץ אין קאַלטן צימער. פאַר וואָס וויין איך נישט? פאַמעלעך צאַנקט אין מיר די נשמה... מאַמע, הער ווי ס'וויינט מיין האַרץ!... דערמאָן מיך צום גוטן! אויף אַ צווייט אָרט ווענדט זי זיך צו דער מאַמען: "אַ גרויזאַמע האַנט האָט מיך פון דיין געזונטן שטאַם אָפּגעזעגט, האָט ווייטיקפול מיין געוועב אָפּגעריסן. אַ מעכטיקער שטורעמווינט האָט מיך ווייט פון דיר פאַרוואָרפן און וואַקסן געהייסן... מאַמע, כ'האָב דיך ליב! וווּ ביסטו, וווּ לעבסטו? ווער באַזאָרגט דיך איצט? ווער טרייסט דיך אין אַ שווערער מינוט?"

אין אָט דעם נשמה־מצב קלאַמערט זיך לענאַ אין איר ציל: לערנען, שטודירן, אָנזאַמלען וויסן. זעלטן ווי האָב איך געלייענט וועגן אַזאַ שטאַרקן ממש קאָמפּולסיוון ווילן צום לערנען. ביי די ערגסטע באַדינגונגען, אין די ביטערסטע פרעסט, אויף אַ ליידיקן מאָגן, לאָזט זי נישט אַרויס דאָס בוך פון דער האַנט. זי איז קראַנק, ליגט אין בעט. "ס'איז מיר געשען אַן אומגליק", שרייבט זי. "איבער נאַכט זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן מיינע ברילן. קראַנקערהייט האָב איך געזוכט, איבערגעקערט מיין בעט, אויסגעקערט דעם צימער, אומזיסט. כ'האָב געוויינט ווי קיין מאָל ניט... כ'בין פאַרייאושט. כ'האָב פאַרלוירן מיינע עלטערן, מיינע פריינד, מיין היים, מיין אידעאָלאָגיע און דאָס ליכט! וואָס איז מיר געבליבן? ווי וועל איך לערנען"? דאָך גייט זי אָן מיטן לערנען, לערנט מיט התמדה, מיט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן, און שפּילט טעאַטער אויך.

זי האָט גרויס דערפאָלג אין אירע טעאַטער־אויפטריטן. "נעכטן האָב איך געערדט מיט העלענאַ פאַנטעלעמאָנאָוונאַ וועגן מיין ראָל", שרייבט זי. "זי האָט געזאָגט אַז איך שפּיל זייער גוט. זי מיינט אַז מיין צוקונפט קען איך זען אויף דער סצענע, אַז כ'בין טאַלאַנטפול, אָבער כ'דאַרף אַרבעטן איבער זיך. כ'בין זייער צופרידן מיט איר מיינונג, אָבער כ'וויל זיין אויף דער יידישער בינע, ווייל עס איז מיר צום נאָענסטן צום האַרצן" אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט זי: "טייל מאָל קלער איך, אַז אין מיר איז פאַראַן אַ פונק פון דעם פייער, וואָס הייסט טאַלאַנט". בעת מעשה באַמערקט זי: "הונגער! כסדרדיקע קראַמפּן אין ליידיקן מאָגן, געשוואָלענע גופים, פאַרשוואַרצטע געזיכטער, הויפנס ביינער מיט דינער הויט פאַרצויגן, אָנציינקע מיילער, מאַכטלאָזע הענט. מענטשן־שאָטנס, לעבעדיקע מתים מיט אויסגעלאָשענע אויגן. אַ גרויזאַמער צער - הונגער! אין דיינע ביינער שטיקט זיך און כאַרכלט דאָס לאַנד. מיט דיין אייז־קאַלטן אָטעם אָטעמט דאָס פאָלק. אין דער גרעסטער טייל שטעט בושעוועט טיפוס און אַנדערע מגפות, די שטענדיקע באַגלייטער, די לייבלעכע שוועסטער פון צער -

הונגער".

דאָך גיט זי זיך אָפּ אַ חשבון ווי גוט איר איז, נישט געקוקט אויף אַלץ. "ס'איז מיר זייער גוט" שרייבט זי. "וואָס איז אָבער מיט מיין משפחה" זיי וועלן פאַרפאַלגט און געפּייניקט, הונגערן און ליידן שטאַרק. מיך האָט דער גורל געשוינט!" זי ווייסט נאָך נישט וואָס עס איז באמת געשען מיט אירע נאָענטע און מיט די ביאַליסטאָקער יידן בכלל.

דערוויל טוט די נאַטור דאָס אירִיקע. לענאַס דערהאַלטונג־אינסטינקט פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן כוח! זי וואַקסט, אַנטוויקלט זיך. דער הונגער פּייניקט, אָבער ער האָט נאָך דערוויל קיין שליטה נישט איבער איר אויסזען. זי שרייבט: "כ'בין נעכטן געווען זייער צופרידן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ'האָט אַליין געדאַרפט ברענגען וואַסער פון ברונעם אָנצוּוואַרעמען, וואָס אין באָד - אין אַן ענגער פינצטערער חורבה - איז געווען אַ שרעקלעכער רויך, וואָס האָט געשטאָכן אין די אויגן. די טיר איז די גאַנצע צייט געווען אָפן און מיר האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט און דאָך זיך געוואַשן אין גאַנצן נאַקעט. נעכטן האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט מיין קערפּער... ס'האָט געריִיצט מיין אויג. באמת! אַ געזונטער ראָזעווער הייסער מיידלשער קערפּער, אַ שלאַנקע, גראַציעזע פיגור, - אַ געגנשטאַנד (אָביעקט?) וואָס קען פאַרשאַפן פאַרגעניגן און שטרעבט דערצו. כאָטש ס'איז נאָך צייט! דערוויל איז נאָך נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אַרויסרופן מיין רייץ. אפילו נישט וואָלאָדיאַ".

זי גיט צו: "וואָלאָדיאַ האָט מיר געגעבן צוויי פּאָטאָגראַפיעס זיינע. ער איז אַרויסגעקומען זייער שיין. פון בילד קוקן אַראָפּ צוויי גלאַנציקע, לעבעדיקע אויגן, עס לאַכן זיינע ליידנשאַפטלעכע ליפּן פון וועלכע מען זעט ווייסע שיינע ציין. זיין פּנים, זיין פיגור איז מענעריש און העלדיש. כ'האָב לאַנג נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון בילד. וואָלאָדיאַן האָב איך ניט ליב, כ'פיל אַפילו ניט די מינדסטע סימפּאַטיע צו אים, ווייל ער איז פלאַך, לייכטזיניק און נאַריש. מיר געפעלט און רייצט בלויז זיין פאָטאָגראַפיע. כ'זוך אַן אידעאַל וואָס כ'קאָן נישט געפינען. כ'וויל זיך פאַרליבן, אָבער כ'האָב נישט אין וועמען... עס געפעלט מיר וואָלאָדיאַס אויסערלעכער אויסזען, מיר שטויסט אָבער אָפּ זיין אינהאַלט". ווי קליפּ און קלאָר קלייבט זיך לענאַ פונאַנדער אין אירע געפילן!

קלאָר און צימצומדיק אַנאַליזירט זי די ליכטער און שאָטנס פון אירע שטימונגען. זי געפינט פאַר זיי די פּאַסיקע שפּראַך - זאַכלעך און קלאָר, צימצומדיק און אָן מליצה, אָן יונגמיידלשער עקזאַלטאַציע. די שפּראַך אַנטפּלעקט אויף אַ ווונדערלעכן אופן לענאַס כאַראַקטער - איר חכמה, איר גוואַלדיק־ערנסטן צוגאַנג צום לעבן. פאַראַן אין איר אַ ווערדע און אַ שטאָלץ. אַ דערהויבענע גייסטיקייט באַהויכט די זייטלעך פון אירע ווידויים. זי בענקט צו דער מאַמען און אירע רייד זענען צערטלעך - אָבער נישט צעגאָסן. אירע צימצומדיקע ווערטער צערייסן דאָס האַרץ. איר צער איז אויסגעדריקט מיט פאַרביסענע ליפּן, אַ דיסציפּלינירטער צער, נישט קיין שלאַבעריקער.

זי שרייבט: "פאַרגעסן - איז אַ געזעץ פון מענטשלעכן זכרון. אָן פאַרגעסן וואָלט קיין געדענקען נישט עקזיסטירט. מען מוז שלום מאַכן מיטן גורל. ס'איז שווער זיך פאַרצושטעלן, פון מויל אַרויסרעדן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז כ'וועל שוין מער נישט זען מיין היים און מיין משפּחה"...

די צייט לויפט. אָט גרייט שוין לענאַ די לעצטע שול־עקזאַמענס. זי באַקומט איר אַטעסטאַט. אָבער דאָס לעבן לאָזט איר נישט זיך אָפּגעבן מיט דער יוגנט־פרייד. זי דאַרף פאַרדינען אויף צו קענען זיך אויסהאַלטן ווען זי וועט אַוועק פון אַנשטאַלט, כדי צו שטודירן. "כ'קען ליידן קעלט, נעץ, זידלווערטער, מידקייט, שמוץ... אַלץ כדי דערגרייכן מיין ציל, וועלכער איז מיר הייליק". זי אַרבעט אין די נעכט אין פעלד, צעטיילט און מעסט אָפּ דעם נאַפּט פאַר טראַקטאָריסטן. זי שלאָפט אין פעלד. "די אַרבעט ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ אומדערטרעגלעכער". קלאָגט זי זיך. "די טראַקטאָריסטן זענען זיך נוקם אין מיר ווייל כ'בין אַ יידישקע. זיי זאָגן מיר, אַז יידן זענען די ערגסטע אויף דער וועלט, אַז היטלער טוט גוט וואָס ער אונטערדריקט זיי".

לסוף קומט אָן דער טאָג ווען לענאַ פאַרלאָזט דאָס דאָרף און פאָרט אָפּ קיין מאָסקווע. זי הייבט אָן צו פירן אַ סטודענטיש לעבן. די מלחמה איז געענדיקט. לענאַ ווייסט שוין דעם גאַנצן אמת וועגן איר צוקונפט. זי האָפט, אַז מיכאָעלס וועט צוריקקומען פון אַמעריקע. אפשר וועט געלינגען אויפשטעלן אַ יידישן קולטור־צענטער? "אפשר וועל איך דאָרט געפינען עפּעס נאָענטס, היימישס?: און אַ ביסל ווייטער זאָגט זי "די איינזאַמקייט קילט דאָס האַרץ און פאַרשטיינערט עס. איך בענק נאָך אַן אָפּנהאַרציק וואַרעם וואָרט, נאָך אַ היים, נאָך אַ מאַמען! נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פאַריתומטקייט האָף איך און בענק. כ'וועל שוין קיין מאָל, קיין מאָל קיין היים ניט האָבן, קיין נאָענטע נשמה געפינען. גורל, פאַר וואָס?"

דאָס טאָגבוך האָט אַ טרויעריקן העפּי־ענד. די מלחמה ענדיקט זיך, אָבער לענאַ פילט נישט קיין פרייד. דער שלום קאָן איר נישט צוריקגעבן דאָס וואָס זי האָט פאַרלוירן. זי האָט דערגרייכט אירע ציל, זי לערנט אויפן אוניווערסיטעט, אָבער איר אינטערעס פאַרן לערנען איז מער נישט ווי אַמאָל. זי פאַרליבט זיך. אָבער דער געליבטער פאַרשאַפט איר יסורים, אַ ביטער אַנטוישטע, פאַרלאָזט זי אים. דער חורבן־גרויל באַגלייט זי אומעטום. אין אָט אַזאַ שטימונג פון פוסטקייט, פון ציללאָזיקייט רייסט זי איבער דאָס שרייבן פון איר טאָגבוך.

דער רושם פון לענאַס פשוטן טעקסט איז אַ שטאַרקער. מען פילט די געצוימטקייט, די אינערלעכע אייזערע עקשנות אירע זיך נישט איינצוברעכן, איבערצוהאַלטן, צו דערגרייכן איר ציל. און צום סוף - אָפּהענטיקייט, ווי די פעדער וואָלט אַליין פון זיך אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט. דאָס בוך האָט אָנגערירט אַ סטרונע טיף אין מיין האַרצן. עס רעדט דאָך אין נאָמען פון אונדז אַלעמען, אין נאָמען פון די וואָס געהערן צו לענאַס דור, פון אַלע לעבן־געבליבענע, אַליין־געבליבענע.

די טייערע ווונדערלעכע לענאַ! ווי שטאַרק עס טוט וויי דאָס האַרץ פאַר איר, און ווי ווייטיקדיק פרייט זיך דאָס האַרץ, וואָס שלום, איר מאַן, האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ זכר פון איר - דער אַמאָליקער, ווייזן אונדז דעם שפּיגל פון איר נשמה און זי אַריינפירן אין דער יידישער שרייבער־משפחה, אין דעם אומעט פון אונדזערע היינטיקע טעג - מיט איר יוגנט, איר פרישקייט און אומצעשטערלעכער גבורה - ווי אַ טרייסט פאַר אים און פאַר אונדז.

לענאַ ראָזענבערג־יעדוואַב

# פון היים צו נע־ונד*

מאָנטיק דעם 22סטן יוני (1942)

היינט ווערט אַ יאָר ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. מיט אַ יאָר צוריק האָט מיר פון פענצטער פון צוג, וואָס האָט געיילט פון דרוסקעניק קיין ביאַליסטאָק (און איז ניט דערגאַנגען!) געגרוילט פון רויטן הימל פון ברענענדיקן גראָדנע, פון קראַך פון צינדבאָמבעס און דער רויש פון דייטשישע באָמבאַרדירער. דאַן האָב איך נאָך אין גאַנצן נישט אָפּגעשאַצט און פאַרשטאַנען וואָס עס וועט אונדז ברענגען די מלחמה... כ׳האָב געגלויבט, אַז מיר וועלן דערפאָרן אַהיים! איצט בין איך ווייטער פון דער פראָנטליניע און כ׳זע נישט דעם גרויל פון דער מלחמה. אָבער מען האָט אונדז שוין אינפאָרמירט, אַז זיבן הונדערט טויזנט פערזאָן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אָן ידיעות, פיל מיליאָנען דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע! מענטשן אויף קוליעס, אָן הענט, אָן קינבאַקן, מיט אָפּגעפראָרענע פיס, פאַרקריפּלטע פנימער און פיגורן... פרויען אָן מענער, מוטערס אָן זין... יעדן טאָג באַווייזן קינדער אומגעקומענע פאָטערס, ברידער. אין אונדזער קלאַס האָבן צוויי מיידלעך פאַרלאָרן זייערע פאָטערס. און וויטאַלי - זיין נײַנצניעריקן ברודער. אַ סך אומגליקלעכע יתומים זיינען דאָ אין פאַרבאַנד און בכלל אויף דער וועלט. וועגן דעם שרייבט ניט קיין צייטונג, וועגן דעם זינגט מען ניט קיין לידער, ווייל מען מוז שטאַרקן דעם גייסט צום קאַמף און אַנטוויקלען די אידעע פאַר דער פרייהייט. די לאַגע איז אָבער טרויעריק: אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס. אַלע האָפענונגען אויפן פרילינג און זומער זיינען אויסגערונען... סטאַלין האָט אין זיין רעדע געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם קריג ענדיקן אין 1942סטן יאָר. ווי אַזוי וועט עס געשען?

אין לאַנד הערשט איצט אַ שרעקלעכער הונגער און אין גיכן וועט נאָך זיין אַפילו אַ גרעסערער. דאָס לאַנד מאָביליזירט די לעצטע כוחות, די לעצטע אַרבעט־רעזערוון און אויב די מלחמה וועט זיך נאָך פאַרציען, וועלן מיר נאָך מער פאַרשפּילן אין דער עקאָנאָמישער לאַגע, ווי אין דער פּאָליטישער. אַפילו אין די דערפער איז שווער מיט די פּראָדוקטן: אַ פונט קאַרטאָפל קאָסט אין קאַראַקולינאָ 180 רובל! מעל גייט אויפן וואָג - פון גאָלד! ס׳איז נישטאָ אַפילו קיין קאַשעס, גרינסן זייף, נאַפט, שוועבעלעך, זאַלץ, שוין אָפּגערעדט פון מאַנופאַקטור טריקאָטאַזשן - כאָטש אין סאַמע מינימום! אַ נאָדל קאָסט דאָ 15 רובל!

אין סאַראַפּול, איזשעווסק, קאַזאַן, סאַראַטאָוו - איז אַ סך ערגער! אַרבעט אין די פאַבריקן און אונטערנעמונגען איז אַ סך שוואַכער ווי פריער, ווייל ס׳איז דאָך אַ מלחמה־צייט! וואָס וועט זיין ווייטער?

דעם 27סטן יוני

עס גייען איצט פולע אַרבעטסזאַמע טעג: דיזשור אין קיך, אין עסצימער, אין קאָרפּוס, אַרבעט אין גאָרטן, אַרבעט מיט די בריגאַדעס. פון צייט צו צייט נעמט מיך אַרום אַ ציטער: כ׳האָב דאָך געמאַכט גרויסע, שיינע פּלענער אויפן זומער: כ׳האָב באַשלאָסן אַ סך צו לייענען, אָבער צו מיין באַדויערן באַווייז איך שוין נישט... כ׳האָב געוואָלט מאַכן

---

*) פראַגמענטן פונעם טאָגבוך.

דעם פראָגראַם פון ליטעראַטור פון אַכטן און צענטן רוסישן קלאַס, חוץ דעם זיך באַקענען אויך מיט דער אייראָפּעישער ליטעראַטור! כ'וואָלט געדאַרפט יעדן טאָג כאָטש 2 שעה לייענען - אומבאַדינגט! ליידער באַוויייז איך עס שוין נישט...

שבת דעם 4טן יולי

אין משך פון עטלעכע טעג האָט זיך געביטן מיין שטימונג, מיין פּסיכאָלאָגיע און צוקונפט! כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פון דער גרויער טאָגטעגלעכקייט, פון די ענגע שווערקייטן פון קינדערהיים-אַרבעט און זיך איינגעשלאָסן אין מיין פריערדיקן פּראָגראַם.

מיט 3 טעג צוריק האָט זיך געניע אומגעקערט פון סאַראַטאָוו. צוזאַמען מיט איר האָט זיך אומגעקערט אַ דערהויבענע שטימונג, דער וועטער פון שטאָט. זי האָט מיר דערציילט וועגן אירע רייזע-פּאַסירונגען, וועגן סאַראַטאָוו, דעם דאָרטיקן קולטור-לעבן, וועגן דער הויכשול, ווו זי האָט אָנגעגעבן אירע דאָקומענטן. געניע האָט זיך רעגיסטרירט אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון עוואַקוירטן מאָסקווער אוניווערסיטעט און האָט געשלאָסן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ סך סטודענטן. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז מיטן דירעקטאָר האָט זי אויך גערעדט וועגן מיר, און ער האָט איר געעצהט מיר צוגורייטן פאַר דער צייט פון די פעריען דעם פּראָגראַם פון 10טן קלאַס, כדי כ'זאָל מאַכן די עקזאַמענס אין דער היגער שול, כדי צו קריגן אַן אַטעסטאַט, אַז כ'האָב געענדיקט דעם 10טן קלאַס! ווען געניע האָט עס מיר דערציילט, האָב איך עס געוואָלט מאַכן, כ'בין מסכים געווען - יאָ! כ'בין משוגע געוואָרן פאַר דער פרייד: כ'בין ביי נאַכט אַריינגעקראָכן אין איר בעט, זי געקושט! איצט ווונדער איך זיך אַליין, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ שיגעון? מיר האָט זיך געדוכט, אַז כ'בין שוין אין סאַראַטאָוו, אין שטאָט, און אין דער קולטורעלער סביבה! מיין שטענדיקער טרוים אַרויסצוגיין פון פאַרוואָרפענעם עק קאַראַקולינאָ איז געוואָרן נאָענט! די חברה אין צימער האָבן מיר אָנגעקוקט און געשטוינט. איך האָב ניט געקלערט וועגן דער רעאַליקייט פון מיין פּלאַן, וועגן דער שווערער לאַסט, וואָס כ'האָב גענומען אויף מיינע פּלייצעס.

גלייך אין אָוונט האָב איך גערעדט מיטן דירעקטאָר פון קינדערהיים ער זאָל מיר באַפרייען פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט מיין ביטע דערפילט. צומאָרגנס בין איך געווען אין שולע און גערעדט מיטן דירעקטאָר מיכאַיל איוואַנאָוויטש. ער איז אויך מסכים געווען. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן: פיזיק, אַלגעברע, סטעטאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, כעמיע און דייטש. אין חודש אויגוסט: ליטעראַטור און געשיכטע!

איך גלייב, אַז כ'וועל באַוויייזן, כאָטש ס'איז אַ שווערע לאַסט. זומער זיצן כסדר און לערנען, ניט האָבן קיין צייט צו שפּאַצירן, אַפילו ניט קענען זיך אָפּרוען. כ'ווייס, אַז דאָס לערנען אין אוניווערסיטעט איז אויך פאַרבונדן מיט גרויסע שווערקייטן: מען דאַרף זיך דאָך אַליין פאַרזאָרגן מאַטעריעל, דערצו אויספילן די בלויזן, וועלכע זיינען פיל ביי מיר! אויך איצט גלייב איך, אַז כ'וועל מיין ציל דערגרייכן!

שבת דעם 10טן יולי (1943)

נעכטן האָבן מיר פאַרענדיקט דעם שטח פון 24 ה"אַ און האָבן אָנגעהויבן אַ פרישן. צוליב דעם האָבן מיר אַריבערגעפירט דעם וואַגאָן. איצט געפינען מיר זיך 5 קמ' פון דאָרף. צוויי מאָל אין טאָג גיין אַהין און צוריק איז אַ קליינער פאַרגעניגן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַזוי פאָדערט די אַרבעט. בכלל קומט מיר אויס אַרומצוגיין אַ סך מער. מען

דאַרף מעסטן וויפל ס'האָט צעאַקערט דער טראַקטאָר און אַרומגיין דעם גאַנצן פעלד. היינט בין איך שוין געווען מיט דער רעכענונג אין מט"ס* אין קאַראַקולינאָ (פון פעלד ‑ 11 קמ' אין איין ריכטונג) און איך בין פאַרמאַטערט. נאָר מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז כ'האָב זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט: ווען ניט וואָלט איך זיך מסתמא ניט געקליבן גיין נאָך יאַגדעס. בכלל איז די אַרבעט אַ דערטרעגלעכע (כאָטש אַ שמוציקע), וועגן ניט מיין "געזעלשאַפט". וואָלטן עס געווען דערוואַקסענע, וואָלט זיכער געווען בעסער. דאָס זיינען יונגע כוליגאַנקעס... כ'באַמי זיך ניט לייגן קיין אַכט אויף זיי. כ'געדענק נאָר וועגן דעם, אַז כ'מוז פאַרדינען ברויט אויף מיין שטודיום...

ווי שטענדיק וואַרט איך מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען מען דאַרף גיין אין קאַראַקולינאָ מיטן רעכענונג. כ'גיי געוויינלעך אַריין אין קינדערהיים אויף אַ פּאָר שעה, ווו מען דערוואַרטעט מיר זייער האַרציק. כ'וואַש זיך דאָרט אָרום, דערוויס זיך נייעס און רו זיך אָפּ פון דעם היגן עולם. היינט האָט מיר מיין בריגאַדיר ניט דערלויבט לאַנג זיך זאַמען און געהייסן גלייך קומען צוריק אין פעלד. כ'האָב נאָך באַוויזן אַריינגיין און זיך ווייזן אין קינדערהיים, האָב אָבער ניט געטראָפן בערטאַ פּאַוולאָוונאַן און סאַמויל מאַרקאָוויטשן און האָב גלייך געמוזט אָוועקגיין צוריק. כ'האָב באַמערקט, אַז פיל פון די עלטערע חברה זיינען מיר מקנא. ערשטנס האָב איך ביי דער אַרבעט עסן צו דער זעט, און זיי ‑ ווי געוויינלעך ‑ הונגערן נאָך אַלץ צו... צווייטנס וועל איך דאָך פאַרדינען מעל! אַפילו די דערציערס זיינען מיר מקנא און רופן מיר מיט שפּאַס: "אַ געווירטע"! זיי ציילן שטילערהייט וויפל פוד איך האָב פאַרדינט און וועל נאָך פאַרדינען. אַ פוד מעל קאָסט איצט אויפן מאַרק מער ווי צוויי טויזנט רובל! איך צייל אויך. לויט מיין חשבון האָב איך פאַר די צען טעג פאַרדינט דריי פוד...

כ'האָב אָנגעגעבן ביטעס וועגן אויפנעם אין זעקס שולן: כדי צו פאָרן אין קאַזאַנער אוניווערסיטעט, קאַזאַנער מעד־אינסטיטוט, אין איזשעווסקער מעד־אינסטיטוט, סווערדלאָווסקער אינסטיטוט פון מאַשינען־בוי, אין מאָסקווער ענערגעטישן און טעכנישן אינסטיטוט אויפן נאָמען פון באַומאַנען. ווער וועט מיר אַרויסרופן און וווהין וועל איך פאָרן? דערווייל ווייס איך נאָך נישט, די צייט וועט עס באַווייזן. דערווייל דאַרף איך פירן די רעכענונגען פון ברען־מאַטעריאַל און הערן זידלווערטער פון עטלעכע טראַקטאָריסטן.

זונטיק דעם 14טן מאַי (1944)

ס'איז שוין ווידער מאַי. ווידער גרינט עס אויף די פעלדער, ווידער בליט עס אין די וועלדער, עס בליט אַפילו אומעטום; יעדעס גרעזל, יעדע בלום! איך וועל אין גיכן אַראָפּגיין פון זינען, ווייל אַ בייזער האַרבסטווינט וויִיט אין מיין נשמה... אַ גילגול זיצט אין מיר און רייסט מיר אויף שטיקלעך: כ'האָב זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אינסטיטוט... אַזוי בין איך אַרויס פון דער סביבה אין וועלכער כ'האָב זיך געפונען און כ'בין געוואָרן עלנט. כ'האָב גענומען לויפן אין טעאַטער. דאָס קאָסט גענוג געלט, אָבער דאָס ברענגט מיר אַ ביסל פאַרגעניגן. דער פּרעכטיקער באַלעט "דאָן קיכאָט" אין גרויסן טעאַטער, "קאָמעדיאַנטן" אין פיליאַל פון קליינעם טעאַטער, קאָנצערטן אין גרויסן זאַל פון קאָנסערוואַטאָריע. דאָס פאַרוויגט אין רויך פון טרוים, פון קונסט, פון העכערן דערהויבענעם, יום־טובדיקן גייסט. נאָך דעם הייבט זיך אָן אַ פּוסטקייט, אַ ווייטיק די איינזאַמקייט! ‑די גרויזאַמסטע שטראָף פאַר אַ מענטשן!

* מאַשין = טראַקטאָרן־סטאַציע

כ׳פאַרמאָג 3 באַקאַנטע: געניע, רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ און מאַניע ליבערמאַן. געניע איז פאַרנומען מיט זיך אַליין. זי זאָרגט זיך וועגן איר אויסערלעכן אויסזען, וועגן קליידונג און פלירטן. כ׳צווייפל צי זי דערמאָנט זיך וועגן מיר אַפילו איין מאָל אין חודש... זי זאָרגט זיך מער וועגן די פרויען, מיט וועלכע זי וווינט, ווייל פון זיי האָט זי קליינע באַקוועמלעכקייטן. רעבעקאַ איזראַעלעווונאַ איז זייער זאָרגפעליק, לאַדט מיך אָפט איין צו זיך, אָבער איך ווייס דאָך, אַז זי דאַרף זיך פאַרנעמען מיט איר זון... איר זאָרג וועגן מיר דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זי קאָרמעט מיך אָן, ווען איך קום. דערפאַר דערמאָנט זי מיר מיין מומע אַלטע, צו וועלכער כ׳בין קינדווייז אַלע שבת געגאַנגען צוגאַסט און דאָרט געגעסן פאַרפלקיכל. אָבער די מומע פלעגט זיך מיט מיר, מיין ברודערל און שוועסטערל נישט דורכרעדן, דאָס איז איר נישט אָנגעגאַנגען... מאַניע איז אַ קליינבירגערין, וועלכע קלערט וועגן דעם ווי אַזוי שנעל חתונה האָבן און ווערן אַ באַלעבאָסטע. איך בין איר מקנא, ווייל זי האָט אַ ליבע מאַמע!

וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך און מיין איינזאַמקייט?

שבת דעם 12טן אויגוסט 1944

אַ שאַרפער ווייטיק שרויפט זיך אַריין אין די טיפעניש פון מיין וועזן... ס׳זיינען שוין אַריבער 15 טעג זייט דעם, ווי מיינע פילצאָליקע בריוו און קאַרטלעך זיינען מיט דער ערשטער פּאָטשט אַוועק קיין ביאַליסטאָק. מיינע בריוו זיינען געווען די ערשטע! - אַזוי האָט מיר געזאָגט די מיידל אין פּאָטשטאַמט. מיט געשפּאַנטע נערוון, ווי שטייף אָנגעצויגענע שטריק, וואָס האַלטן אין גיכן ביי פּלאַצן, וואַרט איך אויף אַן ענטפער - אויף אַ פּאָר שורהלעך, כאָטש אַ פּאָר ווערטער פון מיין ווייטער היים... דערווייל הערשט אַ דערדריקנדיק שווייגן, אַ שווייגן ווי אויף אַ בית־הקברות, וואָס צופּט מיין נשמה... אָנשטאָט אַן ענטפער - הימלשרייענדיקע אַרטיקלען אין דער צייטונג וועגן טויטנלאַגער הינטער לובלין, אויף מיידאַנעק: עלעקטרישע אויוונס, וווּ מען ברענט טאָג און נאַכט לעבעדיקע און טויטע קרבנות פון פוילן, ליטע, טשעכאָסלאָוואַקיע, איטאַליע און פראַנקרייך... מענטשן צערייסט מען אויף שטיקער, מען שניידט זיי מיט העק און מעסערס... אָ, סאַראַ גרויל!

ביאַליסטאָק האָט 5 טעג געברענט, אונטערגעצונדן פון שונא, פאַר זיין אָפּטרעטן! דעם ביאַליסטאָקער געטאָ האָט מען אויך אונטערגעצונדן... נאָך די אַלע נייעס קען איך נאָך האָפן? וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין האַרץ? 3/4 פון אים איז שוין פּאַראַליזירט, פאַרטעמפּט, ...1/4 ציטערט נאָך. די האַרצפעדים וויברירן און טייל מאָל ווילט זיך אַ ביסל וואַרעמקייט דערוועקן! אַ ביסל ליבע צו די, וואָס עקזיסטירן נאָך דאָרט! מיין היים! איצט איז דאָך שוין דאָרט פוילן. צי זיינען נאָך דאָ מיינע ליבע נאָענטע? איך וואַרט אויף אַן ענטפער. ווי לאַנג וועל איך נאָך אויסהאַלטן? נאָך אַזוי פיל טעג האָב איך נאָך גאָרנישט געקריגן... מיט יעדן טאָג וואָס גייט ווייטער אַוועק לעשט זיך אויס מיין האָפענונג... און עס הייבט זיך אָן אַ ווייטאָג!

מיטוואָך דעם 6טן סעפּטעמבער

דאָס לעבן מאַכט זיין וועג, פאַרשלינגט דעם יחיד. מיין פיין פון דערוואַרטונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרעסערן פיין: אַלע מיינע פילצאָליקע בריוו, וועלכע כ׳האָב געשיקט קיין ביאַליסטאָק, האָבן זיך אומגעקערט צוריק מיט אַן אויפשריפט, אַז די אַדרעסאַטן זיינען אָפּוועזנד. דער גרויל איז קלאָר: זיי זיינען אַלע אומגעקומען אויף קידוש־השם!

←

משה וואָלף

# די "מענטשלעכע טראַגעדיע" אין חוה ראָזענפּאַרבס שאַפֿן

## א



איינע פון די לעצטע וואָרט־קינסטלער, מאָהיקאַנער, פון אונדזער פאַרשניטענעם דור איז די יידישע שרייבערין, חוה ראָזענפּאַרב.

מיין וועג צו איר איז געווען אַ לאַנגער און פול מיט שטערונגען. ער האָט זיך אָנגעהויבן אין 1991, ווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון "סאָוועטיש היימלאַנד", יוסף שוסטער, ע"ה, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען חוה ראָזענפּאַרבס טרילאָגיע וועגן אומקום פון לאָדזשער געטאָ, און האָט מיר געראַטן עס איבערלייענען. ער האָט אָבער שוין זיין גאַנצע ביבליאָטעק געהאַט אָפּגעשיקט קיין ישראל, וווהין ער האָט אין גיכן עולה געווען. אויך איך האָב אין גיכן פאַרלאָזט מאָסקווע. און נאָר אין 1995, נעמענדיק אָנטייל אין דער טאָראָנטער "קאָנפערענץ פון די יידישע קלובן", האָט ביי מיר אויפגעטויכט אַ האָפענונג זיך באַקענען מיט דער באַרימטער שרייבערין. מיך האָט פאָרגעשטעלט סאַבע מיראַנסקי ע"ה, חוה האָט אויף אַ ווײַל איבערגעריסן איר פאַרטרוימטן, אָנגעצילטן אין די נאָר איר באַוווּסטע ווײַטן קוק, מיר דערלאַנגט איר אויסגעצערטלטע האַנט און מיך באַשאָנקען מיט איר סודתפולן מאָנאַ־ליזאַ שמייכל, און מיט דעם האָט זיך אונדזער באַקאַנטשאַפט פאַרענדיקט...

מיינע פריינד האָבן מיר צוגעשיקט איר טרילאָגיע "דער בוים פון לעבן", און אַ ריי אירע דערציילונגען. די ביכער האָבן נאָך מער צערייצט מיין חשק צו באַקומען אָנגעבונגען וועגן דער שרייבערינס לעבנס־וועג. מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך

---

און איך ווער אַ טרויעריקער וועזן מיט אַ סך ווייטיקן... אָבער עס זיינען מיר נאָך געבליבן יוגנטלעכע חלומות און פּלענער. כ'בין פאַרמישפּט צו איינזאַמקייט, דאָך קען איך ניט זיין איינזאַם! כ'וויל לעבן און געניסן פון זיין פּראַכט!

כ'בין שוין אריינגעטראָטן אין אוניווערסיטעט אויפן קלאַסישן ציקל פון פילאָלאָגישן פאַקולטעט. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויפן טאָג, ווען ס'וועט זיך אָנהייבן דער שוליאָר. באַדינגונגען וועל איך דאָס יאָר האָבן ערגער. דער אוניווערסיטעט האָט דערווייל נישט קיין צוזאַמען־וווינונג און כ'וועל מוזן בלייבן דאָ, ווו כ'בין איצט. צי וועט מען מיך נישט אַרויסוואַרפן? ווו וועל איך וווינען? כ'האָב נישט קיין אַנונג. כ'האָב דאָך שוין לאַנגע יאָרן געטרוימט צו שטודירן אין אוניווערסיטעט. איצט האָב איך עס דערגרייכט. איצט אַרבעט איך נאָך, כאָטש איך קרענק אַ ביסל. כ'וווין איצט ניט אין מיין צימער, ווייל דעם צימער רעמאָנטירט מען איצט. איך וואַרט אויפן 1טן אָקטאָבער, ווען ס'וועט זיך אָנהייבן מיין נייער גורל.

אָנגעשריבן איר אַ בריוו, אין וועלכן כ'האָב געגעבן צו וויסן, אַז איך בין "קראַנק געוואָרן" מיט איר, און איך נייטיק זיך אין איר הילף. אין גיכן האָט זי מיר צוגעשיקט עטלעכע אירע ביכער צוזאַמען מיט אַ וואַרעמען ענטפער, און אַ ברמזדיקן אָנווייז, אַז אַלע אָנגאַבן וועגן איר לעבן און שאַפן זענען צעשפּרייט אין הונדערטער פֿאַרעפֿנטלעכטע עסייען און אַרטיקלען.

מיינע זוכענישן האָבן זיך פֿאַרצויגן אויף גאַנצע 2 יאָר. אין הסכּם מיט די אָנווייזונגען פֿון אונדזערע ביידנס פֿריינד* האָב איך אָנגעהויבן די "וואַנדערונג".

קודם כּל האָבן מיינע טריט מיך געבראַכט קיין פּראָג ("די גאָלדענע קייט", נומ. 137), צום קבר פֿון חוהס עלטער-עלטער זיידן, דעם רב יהונתן אייבעשיץ (1764-1690), וועלכער איז געווען אַ מחבר פֿון ספֿרים און האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין "גרויס חריפֿות און זיין זעלטענעם זכּרון". פֿון דאָרטן האָבן אירע "אויסטראַלישע נאָטיצן" (די ג. ק. 85.84) מיך אַוועקגעפֿירט צו די "וואַנדערונגען איבער אינעווייניקסטע קאָנטינענטן" (ג. ק. 88). און מיך געבראַכט צו דעם פּוילישן שטעטל קינצק און אין דער פֿאָרשטאָט פֿון לאָדזש, ווו ס'האָבן געלעבט חוהס עלטערן; צו דער מעדעם-שול און צום ליציי, ווו זי האָט געמאַכט די מאַטורע; און פֿון דאָרטן... צו דעם לאָדזשער געטאָ און צו די גאַז קאַמערן, פֿון וועלכע זי איז על פּי נסים ונפֿלאות ניצול געוואָרן. און צום סוף בין איך אָנגעקומען צו "דעם פּאַקן-טרעגער" (נומ 25 פֿון תשנ"ז) - צו דזשעפֿריי שאַרלעטס ענגלישן עסיי וועגן חוהס לעבנס-גאַנג. און חוהס אַ באַמערקונג פֿון דאָרטן - "איצט בין איך שוין ניט באַוווסט אַפֿילו צווישן יידן" האָט מיך צערודערט:

ניט מסכּים! צי דען ניט זי, חוה ראָזענפֿאַרב, די איין און איינציקע פֿון דער יידישער שרייבער-חברותא, האָט ניט לאַנג צוריק, אין נאָמען פֿון אַלע חובֿבֿי יידיש אויסגעוויינט איר רעקוויעם און דעם קדיש דרבנן נאָך "דער גאָלדענער קייט"? צי ניט איר געהערן די ווערטער אין דעם לעצטן "שלום במרומיו"-פּערז פֿון דעם דאָזיקן קדיש:

"און מיר וועלן מיט דער צייט אויסשמידן אַ נייעם ליכטיקן רינג פֿאַר דער גאָלדענער קייט צו באַשיינען אונדזער גאַנג. איך וויל האָפֿן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט דאָס לעצטע וואָרט נאָך נישט געזאָגט". ("די צוקונפֿט", מיי-יוני 1997, נומ. 2, זז'.1-4)

איז דאָך חוה ראָזענפֿאַרב יאָ באַוווסט! און נישט נאָר דעם יידישן, נאָר אויך דעם העברעישן און ענגלישן לייענער**. דער ביטערער אמת באַשטייט אָבער אין דעם, אַז די צאָל פֿון די יידישע לייענערס האָט זיך זייער פֿאַרקלענערט. אמת איז אויך, אַז ס'זענען כּמעט שוין ניט געבליבן קיין יידישע קריטיקער און שרייבער, וואָס האָבן דעם כּוח און דעם ווילן צו שרייבן וועגן די פֿאַרגאַנגענע און, באַזונדערס, וועגן די לעבעדיקע קינסטלערס, וועלכע גייען אָן, און מיט דעם "בדמיך חיי", האַלטן זיי אונטער דאָס הייליקע ליכטל פֿון אונדזער יידישן נר תּמיד.

און דאָס טאַקע איז די וויכטיקסטע סיבה, וואָס איך הקטן, האָב גענומען אויף זיך די עצה און דעם חובֿ צו שרייבן, - "דערמאָנען" דעם יידישן לייענער וועגן דער תּלמידה-חכמה, חוה ראָזענפֿאַרב, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן צו ווערן.

---

*) מיין האַרצלעכער דאַנק לילקע מייזנער, זכריה בעקערן (איוואַ), משה שקליאַרן, מאַקס מאַרטעלן מיקי סאַפּאַדי און באַזונדערס שמחה סימכאָוויטשן פֿאַר זייער מי, ברייטהאַרציקער הילף און סטימולירונג צו דערפֿירן די אַרבעט צום סוף.

**) מיין דאַנק צו דזשעפֿרי שאַרלעטן פֿאַר זיין דערלויבעניש אויסצונוצן אייניקע פּרטים פֿון זיין עסיי.

ב.

"הכל תלוי במזל" (אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל)

חוה ראָזענפאַרב, די טאָכטער פון אברהם און סימע, וואָס ציט איר יחוס פון ר' יונתן אייבעשיץ, איז געבוירן געוואָרן אין אַ "ייִדן העמדל" דעם 9־טן פעברואַר 1923, אין אַ פאָרשטאָט פון לאָדזש. די עלטערן זענען געווען אַקטיווע בונדיסטן און חוה איז פון די "וויקעלעך" דערצויגן געוואָרן אין זייער גייסט. די מאַמע, אַ שטעפּערין אין אַ טעקסטיל־פאַבריק, תמיד אַ שמייכלדיקע, ("פון איר שמייכל האָב איך טועם געווען די זיסע און ביטערע טעמים פון לעבן") האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר עקשנות, זאָרג און ליבע לכל דכפין, מיט איר "ערדישן כּוח און איר עקשנות פון אַ לייבעכע". פון איר האָט חוה געלערנט "ווי זיך צו ראַנגלען מיט אַלע צעשטערענישן אין זיך און אַרום זיך".

דער טאַטע אברהם, אַ רעסטאָראַן־קעלנער איז געווען אַ פריידענקער, אַ באַפליגלטער בונדיסט, אַ ראָמאַנטישער טרוימער. ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין "איינגעבוירענער פיינקייט אין מיט זיין באַציונג צו מענטשן", מיט זיין נייגונג צו פּאָעזיע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן חוהלען. אָנשטאָט צאַצקעס פלעגט ער ברענגען איר ביכעלעך צו פאַנטאַזירן. ("אותיות־קאָמבינאַציעס האָבן פאַרמאָגט ליכט און געזונגען: טאַטע... מאַמע"). פאַר חוהן איז איר טאַטע געווען דער שענסטער און קליגסטער מענטש אין דער וועלט. פון אים האָט חוה זיך געלערנט די "קונסט פון אַלע קונסטן - ליב צו האָבן". ווען זי איז געווען "נישט מער ווי אַ שרעטעלע", האָט דער טאַטע אַריינגעפּרעסט צווישן אירע פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ בלייער און מיט זיין דלאָניע, אַרומנעמענדיק איר קינדעריש הענטל, געלערנט זי שרייבן.

חוהלע האָט זיך דערצויגן אין דער בונדישער קינדערהיים און דערנאָך אין דער ייִדיש־וועלטלעכער מעדעם־שולע. פון די פריע קינדער־יאָרן האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר מערקווירדיקן זכרון, אומאָפּהענגיקן אופן פון טראַכטן ("מיין גרעסטער אויטאָריטעט, דאָס בין איך - סיי אין חכמה, סיי אין נאַרישקייט"), מיט איר ווייסנגיריקייט, ליבשאַפט צו ליטעראַטור, פּאָעזיע, מאָלעריי און סקולפּטור־קונסט, און מיט איר טרוימערישקייט. די "פאַרחלומטע פּרינצעסין", האָט זיך גוט געלערנט. נאָך דער מעדעם־שולע איז חוה אָנגעקומען אין אַ ייִדיש־פּוילישע גימנאַזיע. דאָרטן גרינדעט זי אָן אונטערערדיש קעמערל פון "בונד" און פירט אַגיטאַציע לטובת "שלום און גלייכע רעכט פאַר אַלע".

אין גיכן האָט אַ מסור דערטראָגן צו דער אָנפירערשאַפט וועגן איר אומלעגאַלער אַרבעט. חוהן האָט געדראָט אויסשליסונג פון דער גימנאַזיע. מען האָט איר דערלויבט ממשיך זיין דאָס לערנען, נאָר בתנאי אויפהערן זיך פאַרנעמען מיט נישט דערלויבטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. חוה האָט די גימנאַזיע פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג, (די מאַטורע האָט זי באַקומען אין 1941, שוין אין געטאָ).

די דייטשע חילות האָבן פאַרכאַפּט פּוילן און דעם 8־טן פעברואַר 1940 איז געקומען דער באַפעל אַריבערזידלען אַלע 250 טויזנט לאָדזשער ייִדן אין געטאָ. דאָרט האָט חוה ראָזענפאַרב געליטן קעלט און שרעקלעכן הונגער, זיך באַשעפטיקט ווי אַ לערערין אין אַן אונטערערדישע שולע ביים מעטאַל־רעסאָרט, און האָט צונויפגעקליבן 300 ביכער און געעפנט אַ ביבליאָטעק פאַר יעדן, וואָס האָט געוואָלט מיטן לייענען פאַרטריבן דעם הונגער, די פּייניקונגען און דערנידערונגען אין דעם גיא־צלמות פון געטאָ. די ביבליאָטעק האָט פאַר חוהן געדינט ניט נאָר ווי אַ מקום־מקלט פאַר אירע

מעלאַנכאָלישע געפילן און פינסטערע מחשבות, נאָר אויך ווי אַן אוניווערסיטעט, ווי אַ קוואַל פון קולטור, פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, און קום־כּל פון באַהערשן די קונסט פון ליטעראַרישן שאַפן. און דאָ, אין געטאָ, געשעט מיט חוהן (וואָס פאַרזיכערט, אַז "עס געשעען קיין נסים, ניט מיט פיש, ניט מיט מענטשן") דער ערשטער נס: די נאַציס האָבן באַשלאָסן שאַפן אין לאָדזשער געטאָ אַ מוזיי וועגן יידישן לעבן ביזן אָנהויב פונעם חורבן. זיי האָבן געבראַכט פון טשעכן אַ ראַבינער אויף אויספילן די דאָזיקע אַרבעט. די מחבלים האָבן אים צוגעשטעלט אָנגערויבטע יידישע קונסטווערק און הייליקע ספרים. דעם ראַבינערס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסטיקן צענטער, ווו שרייבער און מאָלערס פלעגן באַקומען אַ הייס גלאָז קאַווע צו דערוואַרעמען זייערע פאַרפרוירענע הויט און ביינער.

ווען ס'איז געקומען צום איבערזעצן דעם תהילים אויף יידיש, האָט דער ראַבינער איינגעלאַדן חוהן. זי האָט זיך פאַרליבט אין לשון־קודש, אין דער סטרוקטור פון די תהילים־פערזן און אין זייער ריטעם. זי האָט פון די תהילים־קאַפּיטלעך געשאַפן פּאָעמעס און פּאָעטישע געשיכטעס. דער תהילים האָט דעמלט אָפּגעראַטעוועט חוהס לעבן.

דעם 23סטן אויגוסט 1944 איז חוה מיט איר פאַמיליע אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. בעת דער סעלעקציע, ווען זי איז געשטאַנען אַ נאַקעטע, האָט מען אַרויסגעכאַפּט פון איר האַנט אַ העפטל - אירע געטאָ־לידער ("מיינע הייליקסטע געבעטן, געזאַנגען פון מיין צאַפּלענדיקער נשמה") און זיי אויך אומגעבראַכט.

אָבער דאָס מזל האָט איר ווידעראַמאָל "אָפּגעגליקט". זי, איר שוועסטער העניע, און זייער מאַמע זענען (אַ דאַנק חוהס שרעקלאָזיקייט) אַרויס בשלום פון אונטער דעם דאָקטער מענגעלעס רוצחישן שפּיצרוט, און זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דעם שטרענגן אַרבעטס־לאַגער זאַזעל, הינטער האַמבורג. האַלב־נאַקעטע, אָן אונטערוועש, און אָן זאָקן, אין האָלצשיך, אין מוראדיקע פרעסט, האָבן זיי דאָרטן געמוזט בויען הייזער פאַר "געבאָמבטע" דייטשן. און דאָ געשעט ווידעראַמאָל אַ נס: בעת דער אַרבעט האָט פּלוצעם אַ דייטשישער אויפזעער אַריינגעשעפּטשעט חוהן אין אויער: "לאָרי נומער 5". אונטערן לאַסט־וואָגן נומ. 5 האָט חוה דערזען אַ ווייס פּעקעלע. זי האָט עס אַרויסגעכאַפּט און אַריינגעשטופּט אין אירע האָלצשעפּערס. ווען זי האָט דאָס אין באַראַק צעוויקלט האָט זי דערזען אַ פּאָר לייוונטענע אונטערוועש. איינמאָל האָט דער דייטשער ניסתר געשענקט חוהן אַ בלייפעדער מיט וועלכן זי פלעגט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ליגנדיק אויף דער העכסטער פּריטשע, פאַרשרייבן אויפן סופּיט אירע לידער, דערנאָך זיי פיל מאָל איבערחזרן, ביז זיי האָבן זיך פאַרקריצט אויף אייביק אין איר זכרון.

אין סוף מאַרץ 1945, ווען דייטשלאַנד איז שוין געליגן ביים ראַנד פון פונאַנדערפאַל, האָט מען חוהן מיט איר מאַמען און שוועסטער צוזאַמען מיט די פאַרבליבענע יידן־סקעלעטן אַוועקגעשיקט אין טויט־לאַגער בערגען־בעלזען, ווו זיי אַלע זענען באַשטימט געוואָרן אויף אויסגיין פון הונגער, דאָרשט, דיזענטעריע און טיפוס. און דאָך... האָט חוה אויך דאָס מאָל אויסגעהאַלטן.

אומלעגאַל גייט חוה אַריבער די גרענעץ קיין בעלגיע. ביז 1950 אַרבעט זי אַלס לערערין אין בריסעל, פון וואַנען זי קומט דעם זעלבן יאָר קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. דאָ האָט זי חתונה מיט איר יוגנט־פריינד, העני מאָרגענטאַלערן און געבוירן פון אים צוויי

קינדער. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן איר נאָכמלחמהדיקער צוריקקער צום לעבן. חוה באַנייט איר ליטעראַרישע אַרבעט. פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, באַלאַדן אין באַוווּסטע יידישע זשורנאַלן.

אין בוכפאָרם דערשיינען: "די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד" (לאָנדאָן, 1947, און-מאָנטרעאָל 1948, 56 זז'); די פּאָעמע "קעלנער אברהם". (לאָנדאָן, 1947, 87 זז'): "דער פויגל אין געטאָ" - אַ דראַמע אין 3 אַקטן, מאָנטרעאָל, 186 זז'. (געשפּילט אין עברית אין טעאַטער הבימה. תל-אביב 1965); "אַרויס פון גן עדן", לידער און באַלאַדן (ת"א. 1965.); "דער בוים פון לעבן", טרילאָגיע (ת"א, 1972, 3 טיילן, 1950 2324 זז', איבערגעזעצט אין עברית און אין ענגליש, די דילאָגיע "באַטשאַני", (ת"א 1983. 876 זז'.); "בריוו צו אַבראַשען". (ת"א 1992, 815 זז'.); "דאָס באָנאָ ווינער גדענק-בוך", מאָנטרעאָל, 1997. (174 זז'. אין יידיש און 70 זז'. אין ענגליש)

אין 1972 איז חוה ראָזענפאַרב פּרעמירט געוואָרן פאַר דעם בוך "דער בוים פון לעבן" מיט דעם ישעיה שפּיגל-פּרייז, און דערנאָך, פאַר דעם זעלבן בוך, (נאָך דעם ווי עס איז אַריבערגעפירט געוואָרן אויף עברית) מיט דעם מאַנגער-פּרייז.

אין מאָנטרעאָל האָט חוה ראָזענפאַרב אָפּגעלעבט צוזאַמען מיט איר מאַן הענרי מאָרגענטאַלער ביז 1972, ווען זייערע אינטערעסן זענען זיך צעגאַנגען. ער, אַ פּרויען-דאָקטער, איז געווען פאַרנומען מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע האָט צו ביסלעכוויז אַרויסגעשטופּט פון זיין זכרון דעם שווידערלעכן עבר, בעת חוה איז פאַרבליבן טריי צו אירע "בונד-אידעען", צו אירע אין לעבן פאַרבליבענע חברים, און צו דעם גרויסן בית עולם, וועלכער איז אַריין אין איר פילבאַרער נשמה, און לאַנגע יאָרן זי ניט געלאָזט רוען - געצוווּנגען איר דאָס אַלץ איבערצוגעבן לדור-דורות, וואָס זי האָט דאָס אויסגעפּילט בדחילו ורחימאָ.

נאָך דעם, ווען איר צווייטער מאַן, באָנאָ ווינער איז אַוועק אין דער אייביקייט, האָט חוה ראָזענפאַרב פאַרלאָזט מאָנטרעאָל און אַריבערגעפאָרן קיין טאָראָנטאָ. ווו זי פאַרבלייבט טעטיק עד-היום.

חוהס טאָכטער, ד"ר גאָלדע מאָרגענטאַלער, אַ פּראָפעסאָר פון ענגלישער ליטעראַטור, לעבט אין מאָנטרעאָל. דער זון אַברהם, אַ מעדיצין-דאָקטער, לעבט און אַרבעט אין באָסטאָן.

## ג.

"יעדער דונער, וואָס טרעפט זי צעעפנט אַ קראַטער
פון תאווה-ווולקאַנען, און גיריקע לאַווע" ("אַרויס פון גן עדן". ז. 45)

חוה ראָזענפאַרב האָט אָנגעהויבן "זינדיקן" מיט דיכטעריי פרי. צו 8 יאָר האָט זי שוין געהאַט אַ העפטל מיט לידער. איר טאַטע פלעגט עס מיטנעמען אויף דער אַרבעט און ווייזן עס נאָר מבינים. איינמאָל, סערווירנדיק קאַווע פאַר משה בראָדערזאָנען, האָט ער "מיט ציטער" אים געבעטן, ער זאָל איבערלייענען די לידער פון זיין 9-יאָריק טעכטערל. משה בראָדערזאָן האָט עס אויפן אָרט איבערגעלייענט און אַרויסגעזאָגט זיין פּסק-דין: "עס וואַקסט אַ יידישע פּאָעטעסע ביי אייך אין שטוב".

מיט בראָדערזאָנס סמיכות, און דערנאָך, אין געטאָ, מיט דער הילף פון איר גייסטיקן מנהיג, שמחה-בונים שייעוויטש, האָט חוה זיך אַוועקגעלאָזט שפּאַנען איבער דעם שווערן דערנער-וועג פון דער יידישער פּאָעזיע. אָבער צום לייענער זענען דערגאַנגען נאָר אירע 10 געטאָ-לידער, וואָס זי האָט ווידעראויפגעשטעלט אין זכרון.

ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אין די אויסגעוויייטיקטע לידער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס "יעדער טאָג און יעדע נאַכט איז געווען אונדזער קבר", קאָן מען ניט געפינען קיין יאוש און דערדריקונג. פאַרקערט, זיי זענען פול מיט האָפענונג און מיט געלייטערטער דערהויבונג. דאָס ערשטע געטאָ־ליד, "דאָרט אויף יענער זייט..", געווידמעט דער פאַרלוירענער פרייהייט, פאַרענדיקט זיך:

"און האָטס אַ קישן? לייג דיין שווערן קאָפּ, לייג דיין מידן. / חלום דיר אין שלאָף, דאָרט טו שמידן / דיר דיין פרייהייט" /. אין ליד "רעגן... רעגן... רעגן...", (1943), קלינגען דער דיכטערינס פערזן: "כ'קען גיין אַפילו באָרעווס, / מיט בגדים דורכגעברענט, / און ס'קען דאָס בלוט מיר טריפן / פון מיינע דינע הענט! / און קיינמאָל וועט קיין שאָטן נישט אויפגיין אין מיין אויג... / דו וועסט מיך געפֿאַרן 1 און איך וועל זאָגן: כ'גלויב!" און אַפילו אין דעם ליד, "צעשיידונג", געשריבן אין די טעג פון געטאָ־ליקווידאַציע, זינגט די דיכטערין:

"נאָך איינמאָל גיב מיר דיינע הייסטע אָרעמס
מיט פיבערדיגען קלאַמער אום מיין לייב.
און גורלדיק אַזוי געקנופּט צעשטורעמט
פאַרקנוילן זאָל זיך יאָמער מיט דער פרייד.
נאָך איינמאָל זאָלן מיינע דינע פינגער,
ווי אויף אַ האַרפע שפּילן אויף דיין לייב.
און זאָלן גלידער בענקענדיק אויסזינגען
די קיינמאָל ניט געזאָגטע רייד..."

באמת: "עזה כמוות אהבה"! ס'איז צו באַוווּנדערן ניט נאָר דעם כּוח און די דערהויבנקייט פון ליבע, וואָס די יונגע און וויניק דערפאַרענע דיכטערין פיבערט אויס אין די שרעקלעכע לעצטע שעהען פון צוזאַמענזיין אין געטאָ־גיהנום, נאָר אויך די מוזיק און דעם ריטעם פון די ווערטער, וועלכע דריקן אויס אַזאַ רייכע גאַמע געפילן.

און דערנאָך קומען די נאָך־מלחמה־לידער, וואָס די דיכטערין האָט אויסגעזונגען, ווען זי איז געקומען אין דעם אויסגעחלומטן "גן־עדן", קאַנאַדע, דאָ איז פאַר דער דיכטערין קלאָר געוואָרן, אַז "מיר, די געפייניקטע, מיר, די געהייליקטע דאַרפן אויפגיין מיט אונדזער ליכט" (...) און "זינגען ס'געזאַנג פונעם גרויסן וואַלד". אין 1946, האָט זיך באַוויזן איר "באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד", דאָס וואָרט "נעכטיקער" ווייזט אָן, אַז:

"היינט איז קיין וואַלד מער פאַראַנען". (...)
"און הימל און ערד זיינען שרפה געוואָרן
געביסן פון פלאַמיקע צונגען.
ס'האָט פייער מיט אומקום - פאַרסמאַליעטע ציין
דעם וואַלד און זיין ניגון פאַרשלונגען"...

די פערזן טיילן זיך אויס מיט זייער רייפקייט, סודותפולע שטימונגען, סימבאָלישער בילדערישקייט, פאָלקסטימלעכקייט און ראָמאַנטיש־לירישער נגינה.

אין צענטער פון דער באַלאַדע שטייט די דיכטערין גופא, אַ "קליין סאָסנעלע" וועלכע איז פאַרבליבן פאַר אַן עדות, צו פאַרגעדענקען און דערציילן וועגן דער מוראַדיקער שריפה פון דעם מעכטיקן, "נעכטיקן וואַלד". ניט באַוויינען, נאָר מונטערן, ניט רעזיגנירן, נאָר ווי יחזקאל, נביאות זאָגן:

"ס'וועט אויפגיין אַ וואַלד אויף חרובער ערד,

ס׳וועלן דעמבעס און סאָסנעס קומען,
זאָל פאַלן אויף זיי אונדזער אַש, אונדזער שטויב
ווי פילע און הייליקע זאָמען״

״די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד״ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אָפּקלאַנג און זי אַוועקגעשטעלט אין דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער דיכטונג.

נאָך כמעט צוויי צענדליק יאָרן פון מי, פון פּערזענלעכער דערפאַרונג און שווערע אינטימע איבערלעבונגען האָט דערזען די שיין חוה ראָזענפאַרבס נייַ לידערבוך ״אַרויס פון גן־עדן״. עס אַנטהאַלט אין גאַנצן 55 ראַפינירטע לידער וועלכע איבעראַשן מיט זייערע אויסגעטאָקטע פערזן און פּלאַסטישע בילדער.

אָנשטאָט אַן הקדמה הויבט זיך אָן דאָס בוך מיט אַ ליד ״דער זינג־פויגל״, אין וועלכן די דיכטערין גיט צו פאַרשטיין דעם לייענער פּאַרוואָס ציט זיך אַזוי לאַנג איר דערדריקט געמיט, וואָס דערלאָזט ניט פאַרווירקלעכן איר חלום, ״צעשמעלצן אַלץ דאָס שלעכטע ווי די זון צעשמעלצט דעם שניי״. דאָס איז דערפאַר, דערגאַנצט די דיכטערין, ״ווייל איך זע נאָך אַלץ דאָס מעסער! און מיך האַלט נאָך אַלץ אַ שטייג״.

דאָס איז טאַקע אַזוי! אָבער נאָך דעם ווי מען לייענט איבער די סעריעס לידער ״טרויער״, ״ממעמקים״, און אַפילו ״ליבשאַפט״, ווערט קלאָר, אַז אַחוץ דעם ווירקט אויף דער דיכטערינס געמיט ״אַזאַ בענקעניש, וואָס כ׳טאָר ניט דערציילן קיינעם ניט״. (ז. 11)

נאָר היות, דער וויכטיקסטער שטריך פון חוה ראָזענפאַרבס שאַפן איז קאָמפּולסיווע צעזונגענקייט, און ווייל אין איר ״פרדס״ זענען אויך אַחוץ פירוש און דרש, פאַראַן רמז און סוד, געפינט דער לייענער דאָס, וואָס די דיכטערין וואָלט ניט געוואָלט ״דערציילן קיינעם ניט״: מיר דערוויסן זיך וועגן איר ערשטן גרויסן אומגליק אין דעם קאַנאַדער ״גן־עדן״, וועגן דעם טויט פון איר מאַמען, וואָס איז

״אָפּגעטראָטן פון מיר און מיך געלאָזן אויס קינד׳ (...)
״איך האָב גענומען איר האַנט אין מיינער,
אירע פינגער אין מיינע
און אָפּגעגעבן שלום דעם טויט -
אירן און מיינעם.״ (ז. 13)

אין די דאָזיקע טעג פון טיפן טרויער ווענדט זיך חוה צו איר נאָענטסטן פריינד, ער זאָל קומען זי טרייסטן, נאָר ״דו ביסט ניט געקומען. ״פאַרמיטן האָט דיין שיף די אָרעמס פון מיין פּאָרט״ (ז. 201). איר פאַרלוירנקייט וואַקסט אויף אַזוי פיל. אַז זי איז גרייט אַריינגיין צו די פרומיקע אין אַ שולעכל און דאָרטן ״וואַרטן אויף גאָט״:

״ווייל כ׳האָב שוין ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען ניט
און עס איז שווער
פאַריתומט זיין אויך פון גאָט.
און עס פירט מיך מער ניט קיינער,
און ווייס ניט ווו צו גיין
און טויזנט ווייטיקן פון יעדן טאָג
קען איך ניט צעבינדן און כ׳קען זיי ניט פאַרשטיין,
און ס׳קלאַמערן זיך קינדער מיינע
צו מיין קלייד,
וואָס זאָל איך זיי זאָגן, ווען זיי פרעגן מיך

ווהין דער טאָג פֿאַרגייט,
אַז כ'ווייס ניט אַליין. (ז. 26)

אין ביז גאָר אַן אַנדער טאָנאַלקייט זענען אויסגעהאַלטן חוה ראָזענפּאַרבס "מיינע פיר צייטן פון יאָר". זיי טיילן זיך אויס מיט מחשבה און בילדערישקייט און מיט זייער מוזיקאַלישקייט, וואָס דערמאָנט אין טשייקאָווסקיס ראָמאַנסן "פיר צייטן פון יאָר".

אַ באַזונדער חן איז אויסגעגאָסן אויף אירע געציילטע לידער־מיניאַטורן, - "דער בוים פון ליבע", (ז. 106) "ראַנדעוווּ" (111, "אַקוואַריום", (ז. 107) "קינד" (115) און אויך - אויף אירע קינדער־לידער. די לעצטע צייכענען זיך אויס מיט פשטות, פֿאַנטאַזיע, ליבשאַפט און דירעקטקייט. די דיכטערין רעדט קיין מאָל ניט אַראָפּ צום קינד. זי הייבט עס אויף צו זיך און רעדט צו אים ווי צו איר גלייכן: "קינדער מיינע, ליכטיקע מנורות, / וואָס איך טראָג אייך אויסגעשטרעקטע / צו אַ מאָרגן, איבערמאָרגן. / פירט מיך, פירט מיך, / איך וועל אייך נאָכגיין".

יש אומרים, אַז די דאָזיקע לידער האָט חוה געשאַפן אונטער דער השפעה פון איציק מאַנגערס "דאָס בוך פון גן עדן". לויט אונדזער מיינונג איז דאָס ניט אַזוי. חוה פֿאַרלאָזט דעם "גן עדן" נישט דערפֿאַר, ווייל "עס איז נישטאָ קיין יושר אין גן־עדן" (לייט־מאָטיוו פון אי. מאַנגערס בוך). נאָר ווייל "אין דעם גרינעם גן־עדן, / סיי ערדישע שטאַמען, סיי הימלישע תהומען / זיי זענען אַ שטייג פֿאַר אונדז ביידן" / (ז. 143). ווי עס איז צו זען פֿאַרענדיקט חוה ראָזענפּאַרב איר לידער־בוך מיט השתפכות הנפש, מיט בענקשאַפט: "און פון איבער דער צוים פון דערדאָזיקער שטייג איך בענק אויף ס'ניי און ווידער / צו אַ גליק, וואָס איז נישטאָ" 1 (ז. 8.)

עס איז אַ זעלטן בוך. איבער אים הענגט אַ פֿאַרהאַנג פון ליידן, האָפֿענונגען, ניט געשטילטע ליבע און מענטשלעך שטרעבן צו אַ "קאַפּעלע גליק".

ד

"שארית גבורה קרבי שבה התפעמה
תשקע־נא ותסוף כלה במלחמה" (ח.נ. ביאַליק. "כוכב נדח")
"אַן איבערבלייב פון גבורה האָט זיך אין מיר צעקלונגען,
און נאָר אין ווייטערדיקן קאַמף קאָן זי פֿאַרזינקען". (פרייע איבערזעצונג. מ.וו.)

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז חוה ראָזענפּאַרב קיינמאָל אין "גן־עדן" ניט געווען, און פון דעם ערשטן טאָג נאָך דער באַפֿריונג האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון אילוזיעס - געפינען אויף אונדזער זינדיקער ערד אַן אָרט פֿאַר גייסטיקער מנוחה.

אין איר בוך "בריוו צו אַבראַשען" שרייבט זי: "און אפשר איז מען גאָרנישט באַפֿרייט געוואָרן? אפשר איז מען אַרויס פון בערגן־בעלזען און אַריין אין אַ גרעסערן קאָנצענטראַציע לאַגער וואָס רופט זיך "די פרייע וועלט?" (ז. 23)...

פֿאַרלאָזנדיק בערגען־בעלזען, האָט די קינסטלערין מיטגענומען מיט זיך די טויזנטער קרבנות, וועמענס אוממענטשלעכע ליידן און לעצטע פּיינלעכע גסיסה־ווייען זענען אַריין אין איר סעניסטיווער נשמה און זיך פֿאַרקריצט אין איר איידעטישן זכרון. ווי אַ פֿאַרהיפּנאָטיזירטע האָט זי זיך ניט געקאָנט באַפֿרייען פון זיי אַזוי לאַנג, ביז זי האָט ניט אויסגעוויייטיקט איר שעפערישן קאַטאַרזיס, בעת וועלכן זי האָט אויפסניי געמוזט "דורכשפּאַנען" דעם גאָלגאָטע־וועג פון איר געטאָ־גיהנום. דער דאָזיקער קאַטאַרזיס האָט זיך אָנגעהויבן און האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אים ניט אויסגעהויכט און פֿאַרחמתעט אין דריי גרויסע הייליקע ספרים, (דעם דרייבאַנדיקן

בוך "דער בוים פון לעבן", די דילאָגיע "באַטשאַני" און דעם בוך "בריוו צו אַבראַשען"), וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ גיגאַנטישע 3715־יריעותדיקע פֿייער־מגילה - אַ מאָנומענטאַלע קלאַסישע עפּאָפּייע - וועגן דעם אויפֿגאַנג, בליען, און חורבן פֿון דער יידישער עדה און גייסטיקן צענטער אין לאָדזש.

במשך פֿון 13 יאָר האָט חוה ראָזענפֿאַרב געשניצט און געשליפֿן דעם "בוים פֿון לעבן". וועגן דעם בוך (און אויך וועגן די אַנדערע ראָמאַנען) האָבן אַ ריי קריטיקער אָנגעשריבן אויסשעפּלעכע רעצענזיעס, נאָך וועלכע ס'קאָן זיך אויסווייזן, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן.

פֿונדעסטוועגן זאָל מיר דערלויבט ווערן אין די ווייטערדיקע שורות אַרויסזאָגן אייניקע צוגעבלעכע באַמערקונגען.

אַלע, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף דעם "בוים פֿון לעבן" האָבן באַטאָנט, אַז דאָס איז "אַ ראָמאַן וועגן לעבן און אונטערגאַנג פֿון דער לאָדזשער געטאָ". דאָס איז טאַקע אַזוי - עס איז טאַקע די לאָדזשער געטאָ. אָבער איינציייטיק איז דאָס אַ בוך, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם גיהנום פֿון אַלע אַנדערע געטאָס אין פּוילן.

אין דער ליטעראַטור וועגן "דעם בוים פֿון לעבן" חזרט זיך איבער דער טעזיס, אַז דער העלד פֿונעם ראָמאַן איז "דאָס קאָלעקטיווע יידישע לאָדזש", וואָס ווערט פֿאַרגעשטעלט אין דעם ראָמאַן מיט צען ביז גאָר פֿאַרשידענע צענטראַלע פּערסאָנאַזשן, וואָס "לעבן אין צען שיכטן פֿון דער ברוינזנדיקער יידישער שטאָט לאָדזש": דער רייכער טעקסטיל־פֿאַבריקאַנט, דער ציוניסט סאַמועל צוקערמאַן, וועלכער שרייבט "די היסטאָריע פֿון יידישן לאָדזש", און באַגייט זעלבסטמאָרד; דער אַסימילירטער, אַמאָראַלישער מילאָנער, אַדאַם ראָזענבערג, "מיט אַ פֿול מויל גאָלדענע ציין", וועמענס איינציקער גאָט איז דער עגל הזהב; דער סטאָליער און בונטאַרישער בונדיסט שלום; דער אידעאַליסטישער דאָקטאָר, מיכאַיל לעווין, וועמענס "בריוו צו מירעלען" נוצט אויס חוה אַלס מאַטעריאַל אין איר בוך; דאָס גימנאַזיע־מיידל רחל - דער פּראָטאָטיפּ פֿון דער שרייבערין גופֿא; איר געליבטער, דער בונדיסט דוד, וועמענס "טאָגבוך־העפֿטן" דינען אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דעם בוך; דער טראַגישער יידישער דיכטער בונים בערקאָוויטש; די קאָמוניסטין אסתר, וואָס איז גרייט זיך מקריב זיין פֿאַר יעדן, וואָס געפֿינט זיך אין געפֿאַר; די אַסימילירטע, עלנטע און ביז גאָר איידעלע גימנאַזיע לערערין, פֿריילין דיאַמאַנט; און דער געלט־זאַמלער, דער בעל־תּאוהניק און דירעקטאָר פֿון דעם יידישן יתומים־הויז אין העלענווו - דער איינציקער, וועמען די שרייבערין רופֿט אָן מיט זיין אמתדיקן נאָמען - דער שפּעטערדיקער "קיסר" פֿון לאָדזשער געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי.

אָבער ביים לייענען און איבערלייענען נישט נאָר דעם ערשטן, נאָר אויך די אַנדערע צוויי בענד, איז גרינג זיך צו איבערצייגן, אַז ניט צען. נאָר צענדליקער "צענטראַלע" פּערסאָנאַזשן האָט די קינסטלערין אויסגעמאָלט אין איר טרילאָגיע. שוין אין ערשטן באַנד זענען אַ חוץ די איבערגערעכנטע טיפּאַזשן אַרויסגעפֿירט ניט ווייניקער ווי נאָך 20 צענטראַלע פּערסאָנאַזשן: שלומס עלטערן, דער טישלער איטשע־מאיר און זיין ווייב, די "מאַמע" פֿון דעם "בוים פֿון לעבן", שיינע־פּעסיע. ביידע ווייזן אַרויס גבורה און קדושה, באַשיצנדיק זייערע קינדער און זייער ווירדע; מאַטילדע, סאַמועלס פֿרוי, זייערע צוויי ביז גאָר פֿאַרשיידענע טעכטער בעלאַ און דזשוניע, און זייער פֿאַלשע, צוויי פּנימדיקע, קעכין רייזל; ראָזענבערגס פֿרוי, יאַדוויגאַ און זייער זון מיעטעק, וועלכער ווערט אין

געטאָ אַ קאַפּאָ, האָט זיינע עלטערן און פּאָרטרעט זיינע גוטע פריינט: רחלס עלטערן, בליומטשע און משה: בונימס מורה־דרך, דער געפּערלעך קראַנקער שרייבער פרידע; בונימס פרוי, מרים און זייער טעכטערל, בלימעלע; דאָס פּאָרל פון דער אונטערוועלט, די זונה שיינדל און איר מאַן, דער באַלוטער ראש הגנבים, רודאָלף וואַלענטינאָ, וועלכע ווייזן אַרויס אין שעת־צרה גייסטיקע דערהויבנקייט און גוטסקייט צו קראַנקע און דערדריקטע; די צוויי באַגאַבטע און קאָנטראָווערסאַלע קינסטלערס - גוטמאַן - דער מאָלער פון די לאָדזשער פּני, און וולאַדימיר ווינטער, דער "יידישער רעמבראַנדט" פון געטאָ; די זונה סאַבינקע וואָס באַהאַלט אין איר צימער בעת דער שפּערע סאַמועלן מיט זיין פרוי און ראַטעוועט דעם טייוולאַנישן מסור, וועלכער האָט פאַרלוירן די לעצטע שפּורן פון מענטשלעכקייט, אַדאַם ראָזענבערגן; דאָס קליינע טאַפּי־יידל, דער גרויסער בעל־בטחון, וועלכער "האַנדלט מיט רחמנות" מיט צוקערקעס, "האַרצדערכאַפּעניש" און באַווייזט זיך אומעטום און שטענדיק, ווען מענטשן געפינען זיך אין סכנה און נויטיקן זיך אין הילף; און לסוף... דאָס קאַרשנביימל, "דער בוים פון לעבן", וועלכער שטיט עלנט אין הויף, צעוואַקסט זיך אין אַ גאָרטן און מיט זיין יעדער־יאָריקער באַנייונג, מיט זיין ווייסן צוויט און רויטע קאַרשן ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון האָפענונג און זיג פון לעבן.

אין די אַנדערע 2 בענד פירט די קינסטלערין אַרויס נאָך צענדליקער (בסך הכל 115 פּערסאָנאַזשן. זיי אַלע מאַכן אַדורך דעם גאַנצן פיין־וועג, ביז צום סוף פון לאָדזשער געטאָ, און צעמענטירן דאָס בוך אין איין גראַנדיעזער עפּאָפּייע.

די דריי בענד באַשטייען פון 65 קאַפּיטלען, וואָס זענען אין דער אמתן 65 זעלבשטענדיקע ביכער וועגן די הויפּט־געשטאַלטן און די מוראדיקע געשעענישן - נאָכאַנאַנדיקע עטאַפּן פון דער געטאָ־פאַרניכטונג. דאָס זעלבע שטעלן מיט זיך פאָר די אַנדערע גרויסע ראָמאַנען און גרויסע דערציילונגען. צוזאַמען שטעלן זיי אַוועק חוה ראָזענפאַרב אין איין ריי מיט די גרויסע קלאַסיקער (אָנאָרע דע באַלזאַק, מאַרסעל פּרוסט, טאָמאַס מאַן, העינריק שענקיעוויטש א.אַ.)

קריטיקער האָבן צו איר טענות, אַז זי איז "באַרעדעוודיק". דאָס איז "אַ חסרון. וואָס די כלה איז צו שיין". חוה ראָזענפאַרבס "באַרעדעוודיקייט" איז נישט סתם באַרעדעוודיקייט. אין דעם מבול ווערטער ליגט דער מענטשלעכער אינהאַלט פון די פּערסאָנאַזשן, זייערע געפילן, טראַכטענישן, ווידערשפּרוכן און טראַגיזם. פון דעם שלל ווערטער ווערט ממש אויסגעפאָרעמט דער פּערסאָנאַזש מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן און אויך זיין מעטאַמאָרפאָזע אין די שרעקלעכע סיטואַציעס פון געטאָ־גיהנום. די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ פּערסאָנאַזשן (און בתוכם אויך די שרייבערין) מוזן זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס חוה ראָזענפאַרב נוצט זיך (אַ חוץ מיט דיאַלאָגן) מיט מאָנאָלאָגן, אויסגעדריקטע אין בריוו־פאָרעם פון דעם דאָקטער מיכאל לעווינען און אין טאָגבוך פון איר יוגנט־פריינד, דודן. (און אויך אין די "בריוו צו אַבראַשען"). דאָס איז די סאַמע סוביעקטיווע, רעדנסאַרטיקע פאָרעם אין וועלכער עס אַנטפּלעקן זיך די אינטימסטע, פאַרבאָרגנסטע אייגנשאַפטן. ס'איז וויכטיק אונטערצושטרייכן די רייכקייט פון דער קינסטלערינס יידישער שפּראַך. די פּערסאָנאַזשן רעדן מיט זייערע באַזונדערע דיאַלעקטן. דער דיאַלעקט און די אידיאָמען פון דעם "ווילן יונג", וואַלענטינאָן זענען ביז גאָר אַנדערש פון דעם לשון מיט וועלכן עס רעדט דאָס "טאָפּי יידל"; רחל, דוד, ד"ר מיכאל לעווין, דער פּאָעט בונים שייעוויטש

דריקן אויס זייערע געפילן און געדאַנקען אין דעם אָנגעזומענעם, ראַפינירטן יידיש. זייער שפּראַך טיילט זיך אויס פון דער "גראָבער" אונטערוועלט־שפּראַך, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך די זונה שיינדל, איר מאַן וואַלענטינאָ און די צווייפּנימדיקע קעכין, רייזל. לויט זייערע ווערטער און אויסדרוקן דערקענען מיר אויך די אַנדערע פּערסאָנאַזשן. חוה מאָלט נישט נאָר וואָס ס'איז געשען, נאָר אויך ווי אַזוי עס איז געשען. זי ווייזט די נשמהדיקע חדרי־חדרים פון אירע העלדן, די פּסיכישע טרייבקראַפט פון זייערע מעשים און שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם ליכט פון דעם קרבנס נשמה, אויף זיינע ליידן און נסיונות.

די איבערגערעכנטע און אויך אַנדערע אייגנשאַפטן פון חוה ראָזענפּאַרס "באַרעדעוודיקייט" זענען איינע פון די גרויסע מעלות פון איר שאַפערישן טאַלאַנט.

אַ באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס די קאָנסטרוקציע פון דעם ראָמאַן, וויאַזוי די שרייבערין פּאָרט צונויף דעם אינהאַלט מיט דער פאָרעם. אינעם בוך "דער בוים פון לעבן", ווי אויך אין די אַנדערע ראָמאַנען, פירט די שרייבערין דעם ספור־המעשה ניט אין דער "איך־פאָרעם", הגם זי פאַרמאָגט אַן אויסערסט רייכע אינערלעכע וועלט און איז מסוגל פון זיך גופא אַרויסברענגען אַ סך. דאָך "פאַרבאַהאַלט" זי איר פּנים אונטער דער מאַסקע פון אַ ריי פּערסאָנאַזשן (רחל - אין "דעם בוים פון לעבן": מרים און מלכה אין די "בריוו צו אַבראַשען"), וועלכע דערלויבן איר ווערן אַן אָביעקטיווער דריטער צד. זי מאָלט די גרויליקע סיטואַציעס מיט וועלכע זי גופא און אירע פּערסאָנאַזשן זענען געפּרווט געוואָרן מיט רעאַלע פאַרבן. און דאָך, ניט געקוקט אויף דער אָביעקטיווקייט און אויף דער באַהאַלטנקייט פון דער שרייבערין, דערקענען מיר זי - די אויסערגעוויינלעכקייט פון איר קינסטלערישן געשטאַלט.

חוה ראָזענפּאַרבס געטאָ־גאַסן זענען אָנגעפילט מיט געשוואָלענע פון הונגער, פון וועלכע עס טראָגט זיך דער ריח פון פוילעניש, מיט סקעלעטן וואָס הילן זיך אין שמאַטעס, מיט אויסגעדאַרטע און אויסגעקוואַרטע פרויען, מיט מענער און קינדער וואָס ווינען און באַהאַלטן זיך אויס "כיונה בחגוי הסלע" אין שמוציקע קעלערס און שפּאַרונעס, אָפט פויזן זיי ווי חיות אויף אַלע פיר און זוכן אין די מיסט־קאַסטנס אַ קאַרטאָפל־שאָלעכץ. דער אינטעליגענטער און פילבאַרער פּאָעט שייעוויטש לויפט צווישן דער מחנה טויט־הונגעריקע און צעווילדעוועטע געטאָניקעס, וואָס יאָגן זיך נאָך אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט קאַרטאָפל און קילעריבן. אונטער אַ האָגל פון קלעפּ באַמיט ער זיך אַרויסגנבענען עטלעכע גרינסן; מיר דערקאָנען אים אויך צווישן די "מענטשן־פערד", איינגעשפּאַנטע אין וואָגנס, וואָס פירן אַרויס די פעקאַליעס.

די שרייבערין מאָלט דערשיטערנדיקע בילדער בעת דער אויסזידלונג פון די קראַנקע פון משוגעים־הויז, און צווישן זיי - דער אויסוווּרף מיטעק, וועלכער טראָגט אויף זיינע מערדערישע הענט זיין אייגענע מאַמע און וואַרפט זי אַריין אין וואַגאָן; אָנגעלאָדענע וואָגנס מיט "אומנוצלעכע" זקנים און שלאָפע, וואָס קאָנען שוין זיך ניט האַלטן אויף די פיס. זיי אַלע ווערן פאַרגאַזט אָדער צעשאָסן. אין דעם שרעקלעכן אַלטוואַרג־רעסאָרט, וווהין עס ווערן געבראַכט זייערע קליידער, פאַרשטיינערטע פרויען־סקעלעטן בעתן סאָרטירן, געפינען סימנים, לויט וועלכע זיי דערקענען די אומגעקומענע, וואָס האָבן ביז דער אויסזידלונג די קליידער געטראָגן. פונדעסטוועגן שטערן ניט די בלוט־פלעקן אויסקלייבן קליידער פאַר אייגענעם געברויך. מיר זעען די טאָרטור־קעלערן - דאָס "רויטע הייזל" - ווו ס'ווערן שרעקלעך געפייניקט יידן, וועלכע

מען איז חושד, אַז זיי האָבן נאָך ניט אָפּגעגעבן דאָס לעצטע פון זייער פריערדיקן פאַרמעגן. דאָרטן קאַסטרירט מען סאַמועל צוקערמאַנען נאָך דערפאַר, ווייל ער קאָן ניט געפינען דאָס פאַרבאַהאַלטענע ביסל געלט.

וואָס קאָן זיין גרויליקער, אָפּשטויסנדיקער ווי דאָס אויסצאַנקענדיקע לעבן און דער טראַגישער אומקום פון דעם "מענטשישן" אינעם מענטש?! ביים לייענען די דאָזיקע פרקים פון ח. ראָזענפאַרבס געטאָ־מגילה ווערט מען אויפגעשוידערט און ס'דערהערט זיך דודס אויסגעשריי: "וואָס האָט דאַנטע, דער גרויסער פּאָעט, געוווּסט פון גיהנום? דאָ וואָלט ער געדאַרפט זיין, וואָלט ער קיין ווערטער ניט געפונען"

חוה ראָזענפאַרב פירט אַרויס ביז גאָר ווייניק רוצחישע דייטשן (דעם "בולדאָג" סוטער, אָפּיציר טוואַרדאָוויטש פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע, ביבאָוו און די אַנדערע דייטשן פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג). זיי טראָגן ווייסע הענטשקעס, און העפלעך שיקן זיי אַראָפּ זייערע קרבנות אין די טאָרטור־קעלערן. די מערדערישע אַרבעט גופא, פילן אויס אייניקע יידישע אויסוואָרפן, וואָס פועלן ביי זיך, אַז אונטער דער מאַכט פונעם טייוול. מעג מען האַנדלען טייוולאָניש, ווי עס טוען דאָס די יידישע קריפּאָ־ליט, די מוסרים ציפּער און אַדאַם ראָזענבערג, ווי אויך דער ביז גאָר קאָמפּליצירטער יידישער "קייסער פון געטאָ", מרדכי חיים רומקאָווסקי.

און למרות הכל, דערזעט די קינסטלערין אין דעם פינצטערן לעבן פלעמעלעך פון מענטשלעכן ליכט, וואָס אַפילו דער געטאָגרויל קאָן זיי ניט פאַרלעשן. זי באַווייזט אונדז פשוטע, געוויינטלעכע יידן, וואָס דערגרייכן אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען צו קדושה־הייכן, צו מסירת נפש און הערויזם. אַ באַוווּנדערונג רופן אַרויס די רירנדיקע - צייטנווייז עראָטישע ליבע־געפילן - דאָס יום־טובדיקע, וואָס לאָזט זיך אַנטפּלעקן אין דעם שוידער. אָט די אויפבליצן פון גוטסקייט און סאָלידאַריטעט דערגרייכן אין יענע גרויזאַמע אומשטאַנדן צו מוסטערס פון הייליקייט און גבורה אומבאַהילפלעכע, האַלב־לעבעדיקע קרבנות, שטעלן זיך קעגן די באָואָפנטע קאַפּאָס, שפייען זיי אין די פרצופים אַריין. אין די לעצטע מינוטן פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ, וואַרפט זיך דער דאָקטער מיכאל לעווין אויף דעם לייטן־פירער פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג, דעם שונא־ישראל, ביבאָוון, און פּרוווט אים מיט זיינע אָפּגעשוואַכטע הענט דערוואַרגן. אין דעם דאָזיקן בפירוש אומפאַרגלייכלעכן געראַנגל הרגעט אַוועק מיכאעלן אַ קויל פון ביבאָווס באַגלייטער.

די ליקווידאַציע פונעם געטאָ האָט ניט אויסגעמיטן קיינעם פון יידישן אָפּשטאַם, אַפילו דעם טראַגישן "קייסער" מרדכי־חיים רומקאָווסקין, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם איינציקן אין געטאָ, וואָס האָט "געוווּסט" ווי אַזוי ראַטעווען פון טויט כאָטש אַ מינדערהייט (און קודם־כל זיך אַליין). איצט שטייט ער מיט זיין פרוי קלאַראַ, זיין ברודער יוסף און דער שוועגערין פאַרן וואַגאָן, אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה גרינע מונדירן. ער בויגט זיך הכנעהדיק פאַר דעם הער ביבאָוו און בעט דערלויבן אים און זיינע קרובים בלייבן מיט... די לעצטע (פון די 250 טויזנט) איבערגעבליבענע אַכט הונדערט יידן "דאָס געטאָ זאַובער מאַכן". אָבער דער אַכזר לאַכט זיך אויס פון אים, מרדכי חיים רומקאָווסקי צוזאַמען מיטן ברודער און שוועגערין מוזן אַריין אין וואַגאָן, וואָס פירט זיי אַוועק קיין אוישוויץ.

אַזוי פאַרענדיקט די שרייבערין דאָס לעצטע 28־טע קאַפּיטל פון דעם דריטן באַנד פון "דער בוים פון לעבן". דערנאָך קומען 8 פוסטע זייטלעך - "קאַפּיטלעך "29...30...31.

עד אין סוף". - אַ סימבאָלישער אָנזאָג, אַז חוה ראָזענפּאַרב וועט נאָך אונדז דערציילן וועגן דעם וואָס ס'האָט זיך ווייטער פּאַרלאָפן.

דערווייל אָבער מוז זי איבערכאַפּן דעם אָטעם, ווייל "אוישוויץ... ווערטער בלייבן שטיין נאַקעט, אויסגעטאָן פון יעדן זין. אותיות גייען אויס אינעם רויך פון קרעמאַטאָריע־קוימען..." (ב. 3, ז. 613)

* *
*

נאָר אין 20 יאָר אַרום, אין 1992 דערשיינט דער המשך פון "דער בוים פון לעבן", - דער גרויסער ראָמאַן (815 זז'.) "בריוו צו אַבראַשען"

דאָס הייסט נישט, אַז חוה ראָזענפּאַרב האָט 20 יאָר גערוט אויף לאָרבערקראַנצן. פּאַרקערט! אין דעם דאָזיקן צייטאָפּשניט האָט זי פּאַרעפנטלעכט צענדליקער אַרטיקלען, עסייען, ליטעראַרישע פאָרשונגען, רייזע־פאַרצייכענונגען און אויך די דילאָגיע "באַטשאַני" (1982), וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר די פאָרהיסטאָריע פון דעם יידישן לאָדזש און לאָדזשער געטאָ. אַ גאַנצע ריי פון די "באַטשאַנער" פּערסאָנאַזשן האָט די שרייבערין אַריבערגעפירט אין דעם לעצטן ראָמאַן. "בריוו צו אַבראַשען".

דאָס איז אַ מאָמונאַמענטאַל בוך, וואָס שילדערט אַ גרויסן שטח פון געיאָגטע און געפּלאָגטע האַלב־לעבעדיקע סקעלעטן, צונויפגעפּרעסטע אין פי־וואַגאָנען, וואָס פירן זיי צו זייער ענדגילטיקן סוף, צו די גאַז־אויוונס פון די טויט־לאַגערן אוישוויץ און בערגען־בעלזען. אין איינעם פון די וואַגאָנען געפינט זיך חוה ראָזענפּאַרב, וועלכע "באַהאַלט" אויס דאָס מאָל איר פּנים אונטער דער מאַסקע פון מרים פּאָלין. זי זוכט איר פריינד און לערער, אַבראַשען, "געפינט אים" אין איינעם פון די שפּיטאָלן און שרייבט אים באַריכותדיקע, אויספירלעכע בריוו (יעדער בריוו - אַ קאַפּיטל) וועגן דעם, וואָס איז אויסגעקומען איר, אירע עלטערן (די פּערסאָנאַזשן יעקב און בינהלע), איר שוועסטער (וויערע), איר געליבטן (-מאַרעקן) און אַלע אַנדערע זייערע פריינט און באַקאַנטע, איבערצולעבן אין די טאָלן פון טויט.

די שרייבערין פירט דעם סיפור המעשה אין צוויי קעגנזייטיקע ריכטונגען: אין דער רעטראָספּעקטיווער - צוריק קיין לאָדזש און צו די געשעענישן אין לאָדזשער געטאָ; און אין דער פּראָרויסגייענדיקער ריכטונג, אָנהויבנדיק פון דעם "לעצטן וועג" ביז צו דער באַפרייונג און ביז צום פּאַרלאָזן די מלא־חמסדיקע ערד פון באַזיגטן דייטשלאַנד. דער דאָזיקער מעטאָד דערלויבט דער שרייבערין מער ווי אין 40 יאָר אַרום, זיך "אומקערן" אין לאָדזשער געטאָ און דערמאָנען ("זכור והגדת") דעם נייעם דור לייענער, אשר לא ידעו "דעם בוים פון לעבן" און וועגן דעם שרעקלעכן אומקום פון מיליאָנען, שנהרגו ונחנקו על קדוש החיים פון דעם יידישן פאָלק...

אין דעם נייעם בוך פירט אַרויס די שרייבערין אַ גרויסע צאָל אינטערסאַנטע נייע פּערסאָנאַזשן. באַזונדערס פּאַרקריצן זיך אין זכרון די געשטאַלטן פון דעם אָנערקענטן פירער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט, דער לערער פון די טויב־שטומע, ישראל ליכטענשטיין און פון דעם לעגענדאַרן וולאַדימיר מעדעם, וועלכער איז פון אַ פּראַוואָסלאַוונעם ייִנגל געוואָרן אַ באַליבטער פירער פון יידישע מאַסן, איינער פון די שענסטע רעדנער און שרייבער אין יידיש.

חוה ראָזענפּאַרב שילדערט די וויכטיקסטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין דער פּאַרמלחמהדיקער וועלט, און אויך די אַנטיסעמיטישע צוזאַמענשטויסן און פּאָגראָמען, וועלכע האָבן געבושעוועט אין דער פּוילישער מדינה,

די אַלע געשעענישן זענען דורכגעפלאָכטן מיט אינטערסאַנטע ראָמאַנטישע געשיכטעס, וועלכע ציִען זיך, פאַרגייען און קומען ווידער אויף, אַפילו אין די שרעקלעכסטע געטאָ־באַדינגונגען.

אין די "בריוו צו אַבראַשען" לאָזט אונדז די שרייבערין אַראָפּ פון איין גיהנום־שווידער אַלץ טיפער און טיפער - עד שאול תחתיה. מיט האַרבן קינסטלערישן רעאַליזם מאָלט זי בילדער פון בהדרגהדיקער אויסראָטונג פון דעם מענטשלעכן אינעם מענטש: אין די פּיוואָגאָנען, וואָס פירן דעם איבערבלייב פון דעם אַמאָליקן יידישן לאָדזש - דריי טויזנט האַלב־לעבעדיקע קרבנות - קיין אוישוויץ. ספּאַזמירנדיקע פרויען כאַפּן אַרום און פרעסן די האַלב־שלאָפנדיקע קינדער צו זייערע לויזע בריסט; אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין אוישוויץ וואַרפן זיך אויף זיי ס.ס.־לייט מיט ווילדע הינט און מיט סווישטשענדיקע קנוטן. די קאַפּאָס כאַפּן אַרויס פון זייערע הענט דאָס לעצטע ביסל האָב; גרינע מונדירן רייסן מעכאַניש אַוועק די מענער (צווישן זיי חוה ראָזענפאַרבס טאַטן) פון די פרויען; בייזע קאַפּאָס פירן זיי אַריין אין באַראַקן. אינעווייניק - בערג מיט שיכוואַרג: באַזונדערע הויפנס פון פרויענשיך, מענערשיך און קינדערשיכלעך; קאַפּאָס מיט ראַזיר־מאַשינקעס שערן און גאָלן אויף נאַקעט זייערע קעפּ; די פאַראורטיילטע "אויף שמעלץ" באַקומען בלעכענע שיסלעך, "איין שיסל פאַר פינף מיילער און איין לעפל פאַרן צוזאַמענדיקן באַניץ" אויף אַריינזיפּן די שמוציקע זופּן; די סטאַדע וואַלגערט זיך אין זאַמדקאַסטנס; נאַקעטע יידישע ווייבער, אַרומגערינגלטע מיט הויכראַנגיקע סאַדיסטן־ס.ס.־לייט און דער אַלמעכטיקער דאָקטער מענגעלע צווישן זיי. פרויען ווי "ווייבערלעכע פערד אויף אַ יריד" מאַרשירן ווי אויף אַ צירקרינג. די ס.ס.־לייט מיט שפּיצרוטן שטופּן אַרויס פון קרייז די יעניקע וואָס שלעפּן קוים די געשוואָלענע פיס, זייערע שלאַבערדיקע בריסט און לויזע הינטנס, די "אויסדערוויילטע" ווערן אַוועקגעשלעפּט פון די קאַפּאָס און אָפּגעפירט צו די גאַז־אויוונס. די איבערגעבליבענע (צווישן זיי - אונדזער שרייבערין מיט איר מאַמען און שוועסטער) באַמיען זיך מאַרשירן גראַציעז, איינציענדיק די בייכער און אַרויסשטופּנדיק די ברוסטקאַסטנס און... שמייכלען דערביי... דאָס העלפט זיי אָפּלייגן אויף אַ ביסל שפּעטער דעם אומפאַרמיידלעכן טויט אין בערגען בעלזען.

ווען זיי קומען אָן אַהין ליגט שוין דאָס סדום־לאַנד אין חורבות. די קרעמאַטאָריעס אַרבעטן שוין נישט. טויזנטער סקעלעטן שלעפּן מתים אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון פונאַדערפּאַל. די וואָס אָטעמען נאָך זענען באַשטימט אויסצוגיין פון טיפוס. די סקעלעטן פיבערן און האַלוצינירן, בעטלען ביי די קאַפּאָס אַ ביסל וואַסער, "אָבער דאָ פונקציאָנירן מענטשלעכע הערצער בכלל נישט". אַ גוססדיקע מאַמע רופט איר טאָכטער זיך געזעגענען, אָבער די לעצטע אַנטלויפט פון איר.

און פּלוצעם - אַ האַרץ רייסנדיק קול: "העלפט, מענטשן איך גיי צו קינד"! און פון תהום, פון אומקום שטייגט אויף אַ נייער שטראַל פון האָפענונג און פון אַ ניי לעבן, "אַ נס איז געשען אין בערגען בעלזען, יאָ, אַ נס!"

מיט שטרענג־רעאַליסטישע פאַרבן שילדערט די קינסלטערן די רוצחים, די ס.ס.־לייט און, באַזונדערס, די יידישע קאַפּאָ־פרויען - זייער אוממענטשלעכע, ווילדע אַכזריותדיקייט און היפּערטראָפירטע שנאה צו די פאַראורטיילטע, זי פּרוווט אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון זייער פסיכיק און געפינען די סיבות, וואָס זענען גורם צו אַזאַ טיפער דעגראַדאַציע. זייערע אייגענע טראַגישע איבערלעבונגען אין די

געטאָס און אין די שטראָפלאַגערן קענען ניט געבן קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער שווערער פראַגע. אונדזער תלמידה־חכמה - די שרייבערין - איז גערעכט. ווען זי טענהט, אַז די שרעקלעכסטע באַדינגונגען ענדערן ניט דעם מענטשלעכן תוך. זיי מאַכן אים בולטער און אַנטדעקן נאָר דעם עצם פון דעם בן־אדם.

מיט דער דערנענטערונג פון דער נאַציסטישער מפלה האָט זיך מיטאַמאָל אַנטפלעקט דער פחד און די הכנעהדיקע נידעריקייט פון די ס.ס.־פרויען און די "מעכטיקסטע" קאַפּאָס. זיי ווערן "מענטשלעך", פּרוּוון אַרויסווייזן "מיטגעפיל" צו דעם ניי־געבוירענעם קינד, טוען זיך איבער און בעטן ניט אויסגעבן זיי.

דעם 15־טן אַפּריל 1945 האָט זיך צעטראָגן אַ דונערדיקער צעהילך, "איר זענט פריי! און מיטאַמאָל איז געוואָרן טויט־שטיל. די מערהייט פון די באַפרייטע, האָט שוין קיין כּוח ניט צום לעבן און ניט צום שטאַרבן. זיי שפּירן ניט קיין פרייד און קיין פאַרגעניגן פון געראַטעוועטן לעבן. אַפילו דאָס וואָס די דייטשן רייניקן אָפּ דעם וועג און פאַרנעמען זיך מיט באַערדיקן די טויזנטער אומגעקומענע, רירט זיי ניט ( "קיין שום נקמה־אויסרופן, אַ שטיין־קאַלטער גלייכגילט").

די טיפזיניקע שרייבערין, וואָס האָט אין די חושכדיקע גיהנום־טיפן ניט אויפגעהערט צו לויכטן מיט איר לעבן־גיריקייט, מיט אירע ליבע און רחמים־געפילן, נעמט אויף די באַפרייונג מיט אַ שווערן געמיט. זי זוכט דעם טאַטן. יעדן טאָג קומען אָן ידיעות וועגן נאָענטע, וועלכע מ'זאָל האָבן ערגעצווו געזען. מיט אַזעלכע נייעסן ווערן באַהערשט אַלע ניצול געוואָרענע פאַרסמאַליעטע האָלעוועשקעס, און עס דערוואַכט אַ האָפענונג, אַז "אפשר האָט ער איבערגעלעבט". זי זוכט אים און געפינט ניט.

די לעצטע זייטלעך פונעם ראָמאַן קלינגען ווי אַ יתגדל ויתקדש שמי קדושים. מיט ווירדע וואַרפט אָפּ חוה די באַליידינקנדיקע באַשולדיקונג פון "העלדן" וועלכע זענען "דאָרטן ניט געווען" און זייער פריידיקן, אַז די פאַראורטיילטע זענען געגאַנגען "ווי שאָף צו דער שחיטה". מיט גרויס רעכט דערקלערט אונדזער חוה, וואָס האָט ניט איינמאָל געפרווט זיך קעגנשטעלן דער רציחה פון די הענקערס און ווילדע קאַפּאָ־חיות, אַז "נאָר עמעצער מיט אַ שלעכטן געוויסן, קאָן באַשולדיקן דעם קרבן אין צוזאַמענאַרבעט מיט זיין אומברענגער". די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געוויזן וויאַזוי רוסישע, פּולישע און פראַנצייזישע באַוואָפנטע אַרמייען האָבן זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די נאַצישע רוצחים אָן שום ווידערשטאַנד. און פאַרקערט! אַלץ, וואָס עס האָבן געטון אונדזערע ברידער און שוועסטער - זייער אומבאַגרענעצטער ביטחון און ווילן צו לעבן, אין די שרעקלעכסטע אומשטענדן פון רציחה און גזילה, ביז צום לעצטן אָטעם - איז געווען אָנגעפילט מיט גבורה, קידוש החיים און קידוש השם.

רעזומירנדיק, מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז אין די ראַמען פון איין עסיי איז ניט מעגלעך באַלייכטן אַלע אַספּעקטן פון חוה ראָזענפאַרבס שאַפן. מיר האָבן נאָר באַרירט דער שרייבערינס געטאָ־ווערק. דער רעגנבויגן פון איר שעפערישער פילזייטיקייט - אירע אויספירלעכע און הויכקינסטלערישע עסייען און ביז גאָר אינטערעסאַנטע דערציילונגען, ווי אויך די רייכקייט פון איר יידישער שפּראַך, איר ווונדערלעכע באַהאַוונקייט אין תנ"ך, אין דער יידישער אגדה, אין פּסיכאָלאָגיע, קונסט און אין אַנדערע וויסנשאַפטן - דאָס אַלץ פאָדערט באַזונדערע פאָרשונגען און עסייען.

* * *

און פאַרענדיקן ווילט זיך אָט מיט וואָס:

אין איינעם פון די קאַפּיטלען פון "באָטשאַני" רעכנט חוה ראָזענפאַרב איבער דעם

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# דער פייערבאַרג

כ׳בין טויט־מיד, גאָט
מער קיין כּוח ניש פאַראַן
אויסצורופן ווידער און אויף ס׳נייַ:
כ׳וועל טון, כ׳וועל הערן!״

האָסט אויפגעהויבן איבער אונדז
אַ פייערבאַרג -- אַש און ביינער;
מיין היים, מיין וועלט, מיין לייב־און־לעבן,
אין שטיינער, ברוכוואַרג פאַרוואַנדלט.

פאַרוואָר, האָסט פאַרשטעלט דיין פּנים
ניט צו זען און אונטערשיידן
צווישן דיין אין בונד־פאַרשניטן פאָלק
און די גראָבהויטיקע געמיינע לייט
מיט הערצער שטיינערנע, שמייכלדיקע ליפּן - -
ביים ראַנד פון אָפענע טויטן־גריבער.

אַלמעכטיקער, באַפריי מיך פון
דעם אוראַלטן ברית
פון אברהמען פון אור־כּשׂדים
ביז משה־אברהם, מיין פאָטער,
וואָס איז פאַראַשט געוואָרן, מיט זיינע צאצאים,
אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע.

דערווייל, איך בעט דיך, בעל־הרחמים,
פון אַלע זיבעציק פעלקערשאַפטן -
אַן אַנדער אומה,
און שענק איר אונדזער פּיין און גלאָריע.

---

אור־יחוס פון אונדזער יידישן פאָלק, אָנהויבנדיק פון אברהם אבינו און ביז אונדזערע נביאים, און באַזונדערס, די אמהות און אַנדערע העלדישע פרויען־געשטאַלטן. נאָר די בילד־שיינע, אייפערזיכטיקע און ליידנשאַפטלעכע אורמוטער שרה האָט די שרייבערין צופעליק דורכגעלאָזן. זיגמונד פרויד וואָלט דאָס אויסגעטייטשט אויף זיין אייגנטלעכן אופן. מיר, אָבער, וועלן זיך באַנוגענען מיט דעם פירוש פון רש״י, ז״ל: אונדזער שרייבערין איז נאָך יונג און אין פולן שפּעפערישן גאַנג. ווינטשן מיר איר ווייטערדיקע הצלחה און שרהס... יאָרן - מאה שנה, עשרים שנה, ושבע שנה.

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

# פון אַ געטאָ נאַכטבוך
# קאָשמאַרן אין לבנה־שיין

אַ מיטזומער־נאַכט. 1941

צווישן בלאַסע לייכטע וואָלקנדלעך שווימט דער לבנה־סערפּ איינזאַם און פאַרלאָזן, ווי אין די נעכט פון אַלע צייטן, און חלומט זיין אייביקן לבנה־חלום. איז עס טאַקע ניט וואָר? האָט זיך גאָר ניט אָפּגעשפּילט אויף דער וועלט? איז קיין זאַך דאָ ביי אונדז ניט געשען?

אַ פאַרטייעטע שטילקייט אַרום, אַ בייז־לאָקנדיקע און גרויליקע, ווי אין דער לויער וואָלט אַ געשפּענסט זיך פאַרקנוילט און פון דאָרטן וועבט ער אונדז אַרום מיט אַן אומזעיקע נעץ. וועט ער אונדז פאַנגען? ווען? איך האָב מורא צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין ווייטער.

בלענדיק הענגט דער לבנה־סערפּ איבערן קאָפּ פון דער וועלט, ווי אַ קרומע שאַרפע שווערד. קאַלט. און זיין מראה מאַכט מיך פרירן. פאַר וואָס שוועבט ער אויך היינט אַזוי עלנט אין די מרחקים? איז עס נאָר אַ פאַרשטעלעניש אַזאַ, וואָס פאַעטן האָבן אויסגעקלערט? איז עס איינזאַמקייט? ליבע? שרעק? וואָס איז עס אַזוינס? און אפשר איז די לבנה אויך צווישן די פאַרשווערערס, וואָס וויל אונדז מיט איר ליכט אַרויסגעבן צום שונא? זיי אַלע שפּינען די טויטנעץ מיט שטומער פאַרטייעטקייט. און אַ געשריי בלייבט מיר שטעקן אין האַלדז ווי אַ מאַכטלאָזיק געוואָרג. אוי, פאַר וואָס אַזאַ פאַרקראַמפּטע שטילקייט? אַזאַ דערשטיקט אימה־ציטערניש אין די גלידער? אין גאַנצן גוף? הו־הו־הוף! הו־הו־הוף! דער שוואַרצער טייוול קומט רייטנדיק אויף די זילבערנע לבנה־שטראַלן. באַלד וועלן מיר דערהערן זיין געשמידטן גאַלאָפּ אויפן ברוק פון די געטאָ־גאַסן. אָט קריכט ער שוין צו אונדז. קריכט נענטער. אָ, זאָל פינצטער ווערן! פינצטער! פינצטערררר!! די צוזאַמענגעראָלטע שטילקייט צעיאָמערט זיך פון אייגענער שרעק מיט טויזנט מיילער.

איך שטיי אין דער ענגער לאָך, פיל עס אַלץ און שוויץ. אַהער האָב איך זיך אַרונטערגעלאָזט דורכן בוידעם. און אַלץ לעב איך דאָ איבער מיט טאָפּלטער פיין. אין מוח דרייט זיך מיר אַ קנויל פון פאַראַנאָישע האַלוצינאַציעס. לוינט זיך נאָך צו באַהאַלטן אין דער טויטנגרוב ס׳רעשטל באַשפּיגענע לעבן? שוין לאַנג האָב איך אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס העמד מיטן לייבל. איצט רייס איך פון זיך דאָס לעצטע אָנטועכץ און בלייב זיצן צוזאַמענגעקאָרטשעט אַ נאַקעטער. ריטשקעלעך שוויס קייקלען זיך אַן אויפהער, ווי פליגעלעך וואָס קריכן פון אויבן אַראָפּ, רייען־רייען. אָך, ווי ברידקע־פּריקרע! ווי גוט וואָלט איצט געווען צו שטיין אונטער אַ קאַלט־שטראָמיקן וואַסערדוש, וואָס פליסט אויף דיין לייב און דערקוויקט עס. מיין אויער שטרענגט זיך אָן צו דערהערן אַ ניט פאַראַניקן זילבערגעקלאַנג, וואָס צעבלעזלט זיך און צעשפּריצט זיך אויפן דיל פון קילן בעטאָן און מאַכט טאַנצן מיינע ליימיק־פאַרגליווערטע ביינער. אַ־אַ־אַ, אָך־אָך־אָך, וואָס פאַר אַ תענוג!

...דער שטעטלשער טייך... זומער פאַר נאַכט... דער טאַטע ציט אַראָפּ מיינע הייזלעך... איך האָב מורא פאַר דעם טייך, זיין ברייט... זיין טיף... דער טאַטע טוט מיך אַ האַסטיקן

טונק אונטער... איך בין זיכער אין זיינע הענט, וואָס טוען מיך אַ הייב אויף הויך־הויך און איך צאַפּל פון גליק.

...די כוואַליעס פון ים התיכון לעקן דאָס גאָלדיקע זאַמד פון חוף תל־אביב... איך בין יונג און גליקלעך... מיט אומגעהייערער פרייד זינק איך איין אין צעשטורעמטן ים און די פאַליעס הייבן מיך אויף הויך, הויך, הויך, ווי אַ מאָל דער טאַטע... אָ, וואָס פאַר אַ גרויס ליכט! וואָס פאַר אַ רחבות! אַזוי פיל זון! און אַ בלענדיק בלויער טאָג מיט אַ זון אין מיין האַרצן, אַרויף און אַראָפּ, אין אַ שווינדלדיק געוויג. און אַ וווּנדערלעכער פאַרבן־מיראַזש כישופט אין הימל, אין ים און אויף זיין גאָלדענעם ברעג. און אומעטום בין איך! איך! איך!

...אַ שפּריץ אין אַ בלעכן באַראַקל פון קיבוץ נאָך אַ לאַנגן, מידן זומערטאָג פון מיסטיקן פּרדסים. אין זילבער־פּעדעם שיסט דאָס וואַסער צום האַרט־ערדענעם דיל. אָ, ווי איינגענעם־קיל עס איז. דער שטראָם שלאָגט אויפן קאָפּ, אויף די אויסגעמאַטערטע אַקסלען. דער גוף ציט זיך אָן האַרט, שטראָם. די ברוסט ברייטערט זיך אויס און אָטעמט פריי, מיט פולע לונגען. אָטעמט לעבן!

ביסלעכווייז ווערט דער שווייס פאַרטריקנט און וואַקסט אָן און ווי אַ דיקלעכע שיכט, זאַלציק און בייסיק. איך טו מיט די נעגל אַ קראַץ די ווייסלעך שמוציקע קלעפּיקייט און מיר דאַכט ווי כ׳וואָלט אָנגענומען אַ מיאוסן שרץ אין האַנט. טראָפּנס שווייסיקע פייכטקייט הערן ניט אויף רייצן. ווידער פאַל איך צו מיטן אויג צום דין־שמאָלן אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער. פאָעטן וואָלטן געזאָגט, אַז ער שווימט ווי אַ זילבער־שיפעלע אויף דער בלויער סאַזשלקע פון הימל און אַ לייכט ווינטעלע בלאָזט אים אונטער. אָ, ניין, דאָס איז ניט אמת, ניט אמת! נאָר אָט אַנטלויפט דאָס זילבער־שיפעלע. וווּהין?

איך זע דעם קאָפּ פון שולמיתן. צוגעקלעפּט צו דער שויב. די לבנה־שיין צייכנט אָן אירע איידעלע קאָנטורן. די דינע אַקסלען פאַלן אַראָפּ צום פענצטערשוועל, ווי די ליניעס פון אַ סטאַטועטקע. זי באַוועגט זיך ניט. איר שטערן איז אויף דער שויב אָנגעדריקט, און איר אויער איז צוגעשפּיצט צום דרויסן כדי אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן פאַרדעכטיקן שאָרך און אָנקלאַפּן מיר אַ וואָרענונג־קאָד.

איר טאַטע, וועמען איך רוף אויך טאַטע, דרעמלט מסתמא איצט אין דערבייאיקן צימער. ער איז גוט און מיט נייגער זוך איך אים צו פאַרשטיין. כ׳וויל זיך אַריינגריבלען אין אים, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. איז ער אַ גלייביקער, צי אַ פאַטאַליסט? איז אין אים גבורה, צי סתם שטאַרקייט? ס׳לעצטע איז קענטיק אמתדיק: ער איז שטאַרק. זיין נידעריקע פיגור מיט ברייט־געזעצטע פּלייצעס זאָגט עס: איך בין זיכער אין מיין כוח! איבער הויפּט האָב איך ליב נאָכצוקוקן זיין פעסטן טראָט. מסתמא האָט ער זיך שוין אויפגעכאַפּט. ליגט וואַך און וואַרט צו באַשיצן די קינדער זיינע. ער האָט אַפילו קיין געדולד ניט געהאַט אויסצוהערן ווי ס׳האָט פּאַסירט, מיט אַלע פּרטים, נאָר ער האָט אונדז גלייך באַרויקט: "האָט קיין מורא ניט! אויב ס׳וועט האַלטן שמאָל, וועט מען אים דאָ קאַלט מאַכן..." מיין האַרץ ציטערט. הרגענען אַ ליטווישן סאָלדאַט דאָ איז אַ טויט־סכנה פאַר דער געטאָ.

שולמית שטייט נאָך אַלץ אין פענצטער און אָבסערווירט די גאַס. קוקט געשפּאַנט אין דער טונקלשאַפט, טאָמער עפּעס אַ פאַרדעכטיקער שאָטן וועט זיך טאָן אַ ריר. נאָר אָט האָט איר "סטאַטועטקע" זיך פון פענצטער אָפּגעריסן און איך הער ווי אירע ציטעריקע

טריט קומען נאָענט צו דער וואַנט, הינטער וועלכער איך בין פֿאַרבאַהאַלטן. אַ שפּליטער־רגע האָרכט זי זיך צו, ווי זי וואָלט וועלן אויפכאַפּן אַן עכאָ פֿון מיין אָטעם.

"דוד..." שעפּטשעט זי.

"יאָ, שולקע..."

מיט דינער אינטויציע דריקט זי אַרויף אירע ליפּן פונקט אויפן שפּעלטל אין וואַנט: "ווי פילסטו זיך?"

איך ענטפער מיט צוויי־טייטיקער באַטאָנונג: "גוט... האָסט אָבער פאַרשטעלט מיט דיין מיילכל מיין זילבער־שיפעלע."

זי פאַרשטייט שוין מיין אופן בילדעריש רעדן, און גלייך גליט־אויף דאָס ליכט־פּעדעמל אין וואַנט. אין אַ ווײַלע אַרום לעשט זיך עס ווידער אויס און זי פּליסטערט: "אונטן אין הויף, ביי דער אַלמנה מיט די דריי זין זענען זיי געווען מיט אַ שעה צוריק און מיר האָבן געהערט איר געיאָמער. מסתמא ט'מען עמעצן פון זיי אַוועקגענומען..."

איך בעט זיך ביי איר: "שולקע, לייג זיך צו אָפּרוען".

זי רופט אויס דערשטוינט: "וואָ־אָ־אָ־ס?! אין אַזאַ צייט שלאָפן?..."

איך שווייג. און זי ווידער: "דוד, ער האָט דיר אויף זיכער געזאָגט, אַז ער וועט דאָ היינט ביינאַכט קומען?" די פראַגע הער איך שוין צום וויפלטן מאָל, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסקריגן אַן אָפּלייקענונג.

"יע, אַזוי האָט ער געזאָגט, אָבער שוין געוואָרן אַזוי שפּעט, וועט ער אפשר ניט קומען." פּרוּוו איך איר טרייסטן.

"איך האָב מורא, דוד. די באַנדיטן האַלטן וואָרט..." מאַכט זי אַ ביטערן שפּאַס. און כ'זאָג מוסרדיק: "פאַר וואָס זאָלסטו זיין אַ שוואַרצזעערקע, שולמית?"

זי גיט נאָך: "ביסט גערעכט: ער וועט ניט קומען".

איך מורמל אַריין אין שפּאַלט: "נאַרעלע... שולמיתל... שולקעלע..." און אַ נאָך מער צערטלעך ליבעוואָרט, וואָס האַלט זיך ביים אַראָפּגליטשן פון מיין צונג, פאַרקוועטש איך. ס'איז ניט די צייט... "האָסט שוין מסתמא דעם טאַטן דערציילט אַלץ. מיר האָט ער אויסגעהערט מיט אַ האַלבן אויער." זאָג איך.

"יע, כ'האָב אים געזאָגט מיט דיינע ווערטער: אַז דער שאַוליסט איז דאָ צופעליק אַריין, באַוואָפנט מיט אַ ביקס, און ער האָט דיר גלייך דערקענט. ער האָט דיך דערמאָנט ווי בעתן דינסט אין דער אַרמיי האָט איר זיך צעווערטלט און ער האָט דיר דעמאָלט שיעור ניט צעמאָלן." איך בין געוואָרן נייגעריק און געפרעגט: "נו, וואָס האָט דער טאַטע געזאָגט צו דעם?"

"ער האָט געזאָגט, אַז מיטן מויל ביסטו אַ גרויסער העלד. און אַן דיר וועט ער אים צו רעכט מאַכן." און גלייך גיט זי צו: "און האָסט אים ניט געדאַרפט צוזאָגן גאָלד און זייגערלעך. דער טאַטע זאָגט אַז דאָס וועט אים לאָקן צו קומען. און דו ווייסט אַליין ווי נאַריש אַזאַ ליגן איז און געפערלעך."

מיט איינגעהאַלטענעם כעס פרעג איך: "נאָר וואָס דען האָב איך געוואָלט טאָן, פּטור צו ווערן פון אים? וואָלט איך אים ניט פאַררעדט די ציינער מיט ליגנס, וואָלט ער מיך אויפן פּאָרט פאַרשלעפּט און אַ סוף."

און זי דערמאָנט מיר אַ כ'האָב איר דערציילט, ווי כ'האָב אים געזאָגט אַז ער קען מיר שיסן אויף אַן אָרט, אָבער מיט אים וועל איך ניט מיטגיין.

ווידער שעפּטשע איך מיינע רייד אין שפּאַלט אַריין גיך־גיך: "וואָלט ער מיר טאַקע דערשאָסן. ס'איז ביי אים אַ שפּילכל דערשיסן אַ יידן. און כאַטש ער טראָגט אויף מיר אַ כּעס, האָבן מיינע גלאַטע רייד אים גענומען און ער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן אַז איך קען זיך אויסקויפן. האָב איך אויפגעפּענט די טירן פון קליידערשראַנק און אים אָנגעבאָטן גאָר די זאַכן. האָט ער זיך אויסגעלאַכט. ער וויל גאָלד, זייגערס, רינגען. טאָ וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן, און די אויגן ווילד־שיכּור. האָב איך אים אַלץ צוגעזאָגט און מיר זענען ביידע געווען צופרידן, ער פון דעם אומרעאַלן רויב, און איך – פון פּטור ווערן פון אים און זיך ראַטעווען. און אַ גרויס גליק איז געווען, וואָס דו ביסט אין מיטן ניט אָנגעקומען." און אַזוי חזרט זיך כּסדר איבער אונדזער שפּעלטל־שמועס. איך פּיל איר ווילן אַז מיינע תשובות זאָלן זי באַרויקן, קומט זי כּסדר זיך אויספרעגן וועגן יעדן פּרט.

ווידער איז זי ביים שפּעלטל. און איך הער איר געשעפּטש: "ווי איז געווען דער איינדרוק פון זיינע רייד, וועט ער קומען?" כ'וויל זי טרייסטן: "אפשר וועט ער ניט קומען, ווער קען וויסן." זי כאַפּט זיך אָן דעם אָן: "אַוודאי וועט ער ניט קומען, ער איז געווען שיכּור," זאָגט זי שטיל און מיט כּוונה, ווי אַ תּפילה, און צו מיר: "וויפל מאָל האָב איך דיר שוין געוואָרנט, ניט אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש, ווען איך כאַפּ זיך אַרויס אין דאָרף ברענגען אַ שטיקל ברויט. ווייסט דאָך גוט אַז זיצן אין אָפענעם צימער שמעקט מיט טויט־סכּנה. אומעטום כאַפּט מען מענער און מע שיקט זיי צום פאָרט."

איך זוך זיך צו פאַרענטפערן: "דאָ קען מען ביי טאָג דערשטיקט ווערן. האָב איך געוואָלט זיך אָפּפרישן, אַ וואַש טאָן דאָס פּנים, און ווי נאָר כ'בין אַרויסגעקראָכן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף זיין צעיוכעטן פּרצוף, אויג אויף אויג."

דעם שמועס וואָס ווערט אַ באַשולדיקונג קעגן מיר, פּרוּוו איך אָפּווענדן: "איז פאַר וואָס זאָלסטו ניט האַלטן אַן אויג אויפן טאַטן, ער דרייט זיך גאַנצע טעג אַרום אין די גאַסן."

זי פליסטערט: "דו ביסט ניט ער. זאָרג ניט, ער וועט ניט פאַרלאָרן גיין."

אירע רייד רייצן מיך אויף. איך זאָג: "איך בין טאַקע אַ בעלן צו זען, ווי דער טאַטע שטייט אָפּ פאַר שעהען אין דעם גיהנום־קעסטל. אָט וועל איך טאַקע אַרויסקריכן פון דאָ." און כ'טו אַ רודער מיט הענט און פיס.

"פּרוביר נאָר!" גלייך דערויף מיט אַ וואַרעם קול: "האָסט גאָר קיין רחמנות ניט אויף מיר."

מיין כּעס וועפּט זיך אויס: "שולמיתל, כ'וועל דיר פאָלגן, נאָר איצט גיי שלאָפן. רו זיך אָפּ נאָך אַזאַ לאַנגן טאָג!"

"ניין, דוד, איך מוז שטיין אויף דער וואַך. דער באַפעל איז: ניט שלאָפן אין אַזאַ נאַכט!"

איך פרעג: "און דער טאַטע שלאָפט?"

זי שליכט זיך צו צו דער טיר פון דערביייאיקן צימער, לייגט צו אַן אויער און קומט צוריק: "ער שנאָרכט. ווי ס'ווייזט אויס שלאָפט ער שטאַרק." און זי גיט צו: "איצט איז אַ ביסל קילער. אין דער נאַכט איז תּמיד בעסער, ניט אַזוי?"

איך ענטפער קעגן מיין ווילן: "יע..." אָבער איך טונק זיך אין אַ באָד פון הייסן שווייס און אַ געדיכטע פאַרע שטיקט מיך.

זי מערקט ניט אַז כ'האָב זי אָפּגענאַרט און גייט צוריק צום פענצטער, אויף איר וואַכפּאָסטן. דאָס זילבער־שיפעלע איז שוין אַרויפגעשוואומען העכער, צום

פענצטער־ווינקל. אָ, ווי שטאַרק איך וויל עס זאָל אין גאַנצן פאַרשווינדן. חושך זאָל דאָ זיין! אַ פינצטערניש פון איין עק ביזן אַנדערן. און אַ משונהדיקער געדאַנק באַמבלט זיך מיר אין מוח, אַ געדאַנק און אַ ווונטש: זאָל איין שפּיץ פון לבנה־סערפּ, וואָס זעט אויס ווי אַ מיניאַטור־גאָנדאָלע, זיך אָפּרייסן און אַ פאַל טאָן צו אונדזער ערד, אויף יענעם טייוולשן פאָלק און זייער פאַרשאָלטן לאַנד און זיי באַגראָבן אויף אייביק! אונטער דער פאַרחלומטער לבנה פון די דיכטער זאָל דאָס הענקערפאָלק אַ קבר פאַר זיך געפינען, אַ זילבערנע באַגרעבעניש... אַזוי פיל ליכט איז פאַראַן אויף דער וועלט, אַזוי פיל גליק און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן! ניין, ניט זיין פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ דערשאָסן צו ווערן ווי אַ ייד! ניט זיין פאַר־שפּאַ־אַררט! דאָס שטומע געשריי בלייבט מיר שטעקן אין קעל, ווי אַ קלומפּ פאַרגליווערט בלוט. אַלץ שווייגט. אַ געקלאַפּער פון געשמידטע שטיוול הילכט־אָפּ פון די ברוקשטיינער. מיין האַרץ צעפּויקט זיך אין אַ ווילד טראַסקעריי: אָט קומט ער, דער טייוול, מיטן שלייער פון לבנה־געוועב, פאַרצויגן איבער זיין רוצחישן פּרצוף. דער זעלבער וואָס איז דאָ געוועזן היינט בייטאָג אויף אַ בלוטיקן אויסשמעק. די זילבער־פּאָטקעוועס פון זיינע סאָלדאַטסקע שיך שפּריצן מיט פונקען, ווי זיינע אויגן מיט האַס. ער האָט פיינט די אָפּנאַרעריש־פאַלשע לבנה־פינקלעניש. גיריק האָט ער ליב האַרטן גאָלד וואָס קלינגט. "עמעץ קומט, מסתמא ער, דער גזלן! הערסט?" שעפּטשעט שולמית אַריין אין שפּאַלט, קוים צו הערן. און איך דערזע דורכן שפּאַלט אַ פאַרוואַנדלונג, וואָס שוידערט מיך אויף: מיין לבנה פון חלום איז חושך־שוואַרץ געוואָרן און מיט בלוטיקע פלעקן, אַ לבנה פון מערדער. און מיין אייגן געשריי טרייסלט מיט אַ מאָל אויף מיין גוף: איך וויל לעבן! לע־בן! און איר קול: "זיי שטיל, הערסט!" דעם טאַטנס מאַסיווע פיגור בלייבט שטיין אין מיטן פאַרטונקלטן צימער. זיינע פיס, צוויי פעסטע סלופּקעס, שפּרייזן צו צום פענצטער און ער שפּאַרט אָן די הענט אויף זיין שוועל. די פּלייצעס זיינע זעען אויס ברייטער און שטייפער, און איך דערפיל זיך זיכער, ווי הינטער אַ פאַנצער וואָס שיצט מיר. אַ פאַרטייעט קריכעניש אויף די הילצערנע טרעפּ. אָן אָנצוקלאַפּן האָט ער געעפנט די טיר און אַריין אין צימער, ווי ער וואָלט געווען אַן אָפּטער שטוביקער גאַסט. אויפן אַרבל פון זיין גרין מיליטעריש כאַקיהעמדל אַ געל בענדל. ער באַגריסט זיך ניט, נאָר בלייבט שטיין לעבן טאַטן. שולמית איז אין צווייטן צימער, הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. דער טאַטע טוט אומצופרידן אַ ברום: "דאָס איז דער פויגל..." מיט אויסשטאַרטשענדיקע פאַרשיכּורטע אויגן קוקט ער אויפן טאַטן און פרעגט, אויף ליטוויש: "ווו איז דאַווידאַס?" ווי ער וואָלט געקומען צו אַ באַזוך ביי אַ חבר. דער טאַטע מאַכט זיך תמעוואַטע: "דאַווידאַס" דאָ איז אַזאַ ניטאָ, מאַכסט אַ טעות..." דעם סאָלדאַטס העלבלאָע אויגן ווערן בייז פאַרטונקלט: "זשידאַס, מיר האָבן זיך אָפּגערעדט דאָ צו טרעפן, און ער האָט צוגעזאָגט צוגרייטן אַ פּעקל מיט עפּעס פאַר מיר." דער טאַטע קוועטשט מיט די פּלייצעס: "איך ווייס ניט..." די שיכּורע אויגן פון סאָלדאַט ווערן ביסטרע: "ער האָט זיך באַהאַלטן, און אַז כ'וועל אים געפינען וועט זיין ערגער!" טוט ער אַ קלאַפּ מיטן ביקס. דער טאַטע שווייגט. פּלוצלינג גיט דער סאָלדאַט אַ שיין מיט זיין עלעקטריש לעמפּל אויף דער טיר פון אַנדערן צימער: "דאָרטן איז ער!" שרייט ער אויס. דער טאַטע פילט אַז ער מוז אים פאַרהאַלטן, מיטן אמת: "דאָרטן שלאָפט מיין טאָכטער, מיד און קראַנק, און כ'וויל ניט זאָלסט איר שטערן", און ער טוט אַ שפּרייז. דעם סאָלדאַטס אויגן ווערן אָנגעצונדן ווי פייערדיקע קוילן און פון זיי שרייט גוואַלד. ער רעוועט: "איך גלייב דיר ניט, זשידאַס, איך מוז אַליין זען," און ער

טוט זיך אַ ריס אַריין דורך דער טיר. דער טאַטע נאָך אים. עכאָס פֿון צעהאַקטע ווערטער און רייד דערגייען צו מיר. איך ווייס אַז דאָס איז אַ דינגעניש וועגן שולמיתן. דער קאָפּ דרייט זיך מיר ווי אין אַ משוגענעם טראַנס, און דער שווייס אויף מיין גוף ווערט פאַרגליווערט ווי אַן אייזיקע הויט. ס'וואַרפט מיך ווי אין אַ קדחת: שולמית אין סכּנה! מיין אויער איז שאַרף אָנגעשפּיצט: "האָסט אַן אָנגענעמע טאָכטער, אַ שיינע... איך וועל איר היטן..." דער טאַטע: "ביסט שיכּור און ס'איז שפּעט, גיי!" טרייבט ער אים. דער סאָלדאַט: "איך בין טאַקע שיכּור, אָבער גוט... איך וועל איר מיטנעמען..." און איך הער די טריט פֿון שולמיתן פּייקלען, אַנטלויפנדיק. דער קלאַנג פֿון אַ ביקס, פֿאַלנדיק אויפֿן דיל, און דער גאָרגלדיקער כאָרכל ווי פֿון אַ צערייצטן ביק: "זשידאַס... לאָז אָפּ... לאָז..." און דעם טאַטנס פֿאַרהאַקט קול, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אים געדריקט אויף דער ברוסט: "גיכער... דעם מעסער... אין רוקן..." און אַ קול האָט אַלאַרמירט: "שולמית אין סכּנה! אין אַ סעקונדע בין איך געווען אויפֿן דאַך, זיך אַ וואָרף געטאָן פֿון די טרעפּ און אַריינגעשטורעמט אין צימער. שולמית איז געשטאַנען צעטומלט און ווייס, ווי די לבנה אין פֿענצטער. דער טאַטע האָט אַראָפּגעשליידערט פֿון זיך דעם גוף, וואָס האָט געצוקט אין זיינע לעצטע קאָנוווּלסיעס. איך האָב געהערט דעם טאַטנס קרעכץ. ביי זיינע פֿיס איז געלעגן דער פּגר...

אין דער לבֿנהס ליכט, וואָס האָט זיך געזיפּט דורכן פֿענצטער, האָט געשימערט אַ קאַלוזשקעלע בלוט. פֿון רוקן פֿון סאָלדאַט האָט געשטאַרצט דאָס שוואַרצע הענטל פֿון מעסער, ווי אַ וואָרנדיקער פֿינגער. איך בין געשטאַנען פֿאַר ביידן, פֿאַרן טאַטן און שולמיתן, אַ באַנומענער פֿון פּחד און טרויער.

דער טאַטע האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, זיך אַריבערגעבויגן איבער שולמיתן און זי אַ קוש געטאָן אויפֿן קאָפּ. רגעס ווי אייביקייטן האָבן זיך געצויגן. צום סוף האָט ער געזאָגט: "אַזוי, קינדער, אין אָט די אומשטאַנדן איז ריזיקאַליש און שווער צו לעבן, אָבער קעמפֿן קעגן אָט די באַרבאַרן מוזן מיר." ער האָט אַן אָטעם געטאָן די לופֿט מיט אַ פֿולער ברוסט און מיט אַ פֿרעמד קול געזאָגט: "און איצט, קינדער, באַגראָבן די נבֿלה אין קעלער און האָפֿן אַז אַלץ וועט גוט זיין. איר וועט מיר מיטהעלפֿן..."

דער זומער־פֿרימאָרגן האָט געגאָלדיקט איבער דער געטאָ. אויפֿן האָריזאָנט איז אויפֿגעגאַנגען די זון ווי אַ צעפּלאַמטער באַל, און מיט איר פּורפּור־בלוט געפֿאַרבט די הימל־ראַנדן. דער טייך האָט פֿון דער ווייט געזילבערט מיט צעבליצטע כוואַליעכלעך. איבער זיין ברייט האָט זיך צעלייגט די בריק. פֿון דאָ און דאָרט האָבן זיך דערטראָגן יאָמער־קולות און געוויער־קנאַלן – די בלוטשפּיל פֿון מאָרדן יידן. אויפֿן טיש איז געלעגן דער פֿינקלדיקער שטאָלמעסער, אַ פֿרידלעכער, און אויף זיין פּאָלירטן שאַרף האָבן געטאַנצט און געמיניעט רויטינקע שטראַלכעלעך.

אַרום טיש זענען געזעסן דער טאַטע, שולמית, איך, און אַלע האָבן מיר געשוויגן. נאָך אַ לאַנגער צייט האָט דער טאַטע איבערגעריסן די שטילקייט: "קינדער, דעם מעסער דאַרף מען היטן, שולמית, באַהאַלט אים!" און אַ רגע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: "אפשר וועט מען אים נאָך נייטיק באַדאַרפֿן!"

דריי פּאָר אומעטיקע אויגן האָבן געקוקט אין שרעקשפּיגל פֿון געטאָג.

לייב באָראָוויק / ניו יאָרק

## ישראל

אַ וואָרט אַזאַ - אַ האָפענונג־שטראַל
אַ ליכטיקער, אַ וווּנדערקוואַל
פון מוט און טרייסט, אַ תפילה־קלאַנג,
אַ ווונטש, אַ הייליקער פאַרלאַנג
מיט פאָרכט געהיט פון דור צו דור,
אַ טרוים וואָס איז געוואָרן וואָר.

אַ וואָרט אַזאַ - ס׳דערציילט פון לאַנד
וווּ ס׳האָט ישעיה אומעשפּאַנט;
ס׳דערציילט פון וויסטער מדבר־ערד
וואָס האָט דעם תחיה־רוף דעהערט.

אַ וואָרט אַזאַ - ס׳קלינגט שטאָלץ און פריי.
אַ פאָלק ריכט אויף זיין לאַנד אויף ס׳ניי.

אַ וואָרט אַזאַ עס רירט ביז טרער,
דו ביסט, מיין פאָלק, אָן היים ניט מער,
ס׳איז ציון־לאַנד, אָ, אומה מיין
אויף אַלע אייביקייטן דיין.

אליביידער / ירושלים

## סודות

דער וועלט געבליבן איז אַ סוד,
מיט פעלקער פול, אַ דאַנק גאָט,
אין דעם לאַנגיאָריקן גלות
דער ייד נישט אויסגעמישט זיך האָט.
און קיינעם וווּנדערט נישט פאַרוואָס
מיט טויזנט וואַסערן זיך האָט
אַ טראָפּן קוועקזילבער זיך נישט
קיינמאָל אויסגעמישט.

## שלעכט צי גוט

פרעגט ביים עולם וועט איר הערן
אַז די מאַכט איז זייער שלעכט.
גראָבע טעותים זיך מערן,
זי איז קיינמאָל נישט גערעכט.
אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע האַלט מען
ביי דער מאַכט זיך אַזוי פאַרברענט?
ווייזט זיך אויס זי איז אַ שלעכטע
ביז מען כאַפּט זי אין די הייגט.

י. לעווין

## רעגנטראָפּן

איז אַ רעגנטראָפּן געפֿאַלן
אין אַ געדיכטן וואַלד,
ווו נאָר די ביימער־קרוינען
האָבן דעם הימל געזען.
אַזוי געדיכט צוזאַמען
געוואַקסן זענען זיי.

און אַ קוסט
האָט אין דער טונקעלער
געדיכטקייט
מיט די לעצטע כוחות
זיינע צווייגן
צו אַ שפּאַרונע ליכט
געשטופּט
און דעם איינעם רעגנטראָפּן
אויף זיינע בלעטער־ליפּן
אויפגעכאַפּט.

ער האָט געצערטלט
דעם טראָפּן
פּאַסמאַקעוועט זיך,
נאָר מורא געהאַט
אַראָפּצושלינגען;

וועט דען אַזאַ
אָפּפרישנדיקער רעגנטראָפּן
נאָך איינמאָל כאָטש
זיינע ליפּן אָנטרינקען?...

...האָט אַ שטורעם דעם קוסט
צעטרייסלט
זיינע בלעטער מיט ווינט אָפּגעפּרישט
יעדן פרימאָרגן מיט טוי זיי געוואַשן
און דעם טאָג מיט זון געקושט...

זענען די רעגנס געקומען מיט בליצן
וואָס האָבן מיט זייער פייער
די וואַלד־פינצטערניש באַלויכטן
מיט דונערן,
וואָס האָבן מיט זייער מוזיק
דעם וואַלד פאַרהילכט
מיט רחבות
די ביימער־קרוינען פאַרפלייצט,
דעם קוסט
מיט שווערע רעגנטראָפּנס
פאַרשיכורט
און זיינע צווייגן
מיט קנאָספּן צעבליט.

## האַרבסט

עס האָט אין האַרבסט פון מיינע טעג
וואַרעם זיך די זון צעשיינט
און ווי פונקען האָבן שטראַלן
אָנגעצונדן יעדן גליד
און אַ כוח אויפגעוועקט
אַ פאַרדרימלטן זינט יאָרן
זיך צו דראַפּען צו די שפּיצן
פון די סאַמע העכסטע בערג.

האָב איך אויפן וועג באַגעגנט
בלומען אָפּגעריסענע פון ווינט
פון אַ קוסט אַן איינזאַמען
אַ פאַרבענקטן נאָך דער זון.

איך האָב די בלומען אויפגעזאַמלט,
פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ
און איינגעטונקט אין שטראַלן
פון פאַרגייענדיקער זון.

דעצעמבער 1999

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# דער מאַן אין צווישן...

## (דערציילונג)

די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה איז שוין אַריין אין דער דריטער וואָך. לויט מאַקאַרעצקין, דעם נאַטשאַלניק פון פּראָדסנאַב איז אויסגעקומען, אַז די מלחמה וועט לאַנג ניט געדויערן, וואָרעם וואָס פאַראַ ווערט האָבן די דייטשן ביי די רוסן מיט זייער קריגס־טעכניק.

נו, אויף מיקאַרעצקיס מיינונג האָט מען קנאַפּ וואָס זיך געקאָנט פאַרלאָזן.

ערשט אַ ווינטער פריער, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־פינישע מלחמה, האָט מאַקאַרעצקי פאַרזיכערט - מיט די היטלען וועלן מיר זיי פאַרוואַרפן - וואָס פאַראַ ווערט האָבן זיי ביי אונדז. נאָר ווען די מלחמה האָט געדויערט ניט מער ווי איין וואָך, האָבן זיך באַלד געמאַכט לאַנגע רייען ביי די ברויט־קראָמען, און מאַקאַרעצקי האָט ניט געקאָנט זיך אַן עצה געבן מיט דער צושטעלונג.

-פּשוט סאַבאָטאַזש -ניט צו פאַרשטיין -האָט ער זיך דאַן געקאָכט -כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט אויסגעזאָגט ווער עס מאַכט סאַבאָטאַזש, און וועמען קאָן ער ניט פאַרשטיין...

מאַקאַרעצקי, דער ווייסרוס, האָט גערעדט אַ נישקשהדיקן יידיש. פאַר דער רעוואָלוציע איז ער געווען אַ געזעלן ביי אַ מינסקער יידישן שוסטער, און ער איז געווען אַביסל מער צוגעלאָזן, ווי די אַנדערע אַראָפּגעקומענע פאַרטייער.

-אָבער וואָס טוט מען דערווייל?

דערווייל ברודערקע, טו וואָס אַלע טוען - וואָס ווייטער פון פראָנט איז געזינטער. דאָרטן אין טיל וועלן מיר שוין זען. די פאַראָדענונג פון צענטער - האָט ער שוין פאַרטרוילעך צוגעגעבן - איז עוואַקואַציע מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. דאָס מיינט - צי, ברודערקע...

דער אינסטינקט פון זוכן שוץ פאַרן אומבאַקאַנטן, האָט געטריבן אין דער וועלט אַריין...

אין דעם פּליטים געלויף האָבן מיר שוין באַוויזן צו דערגרייכן אַ באַן־סטאַציע אויף דער מאַגיסטראַל: מיטשורינסק־טאַמבאָוו, וואָס האָט געטראָגן דעם אימפּאָזאַנטן נאָמען: באַגאָיאַוולענסק.

דאָס איז ניט געווען די פּאַסיקע צייט צו דערגרונטעווען זיך דווקא אין דעם ענין: צי האָט גאָט זיך טאַקע געיאַוועט אויף דעם אָרט - אָבער - כ'האָב מיר צוגעזאָגט צו איבערפרעגן גענוי וועגן אָט דעם נס. דערווייל האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אָרטיקער מ.ט.ס. מיט דער האָפענונג, אַז אפשר איז דאָס מאָל מאַקאַרעצקי גערעכט, און אַז גאָר בקרוב וועלן מיר קאָנען זיך צוריקקערן אַ היים.

דערווייל זענען די עשעלאָנען מיט עוואַקוירטע געלאָפן נאָכאַנאַנד פון ווייסרוסלאַנד, טיפער אין לאַנד אַריין.

אין פּליטים געלויף האָט יעדער געזוכט אַ באַקאַנט פּנים; אַ באַדערפעניש צו זען אַ נאָענטן, וואָס איז אַנטרונען פון דער סאַמאַטאָכע, און מיט זייטיקע וועגן זיך דערשלאָגן צו אַ באַן־סטאַציע. פילן, אַז מען איז ניט אַליין - אַ קערנדל זאַמד אין דעם ווירבל־שטורעם.

אין איינעם אַ פּאַרנאַכט, נישטערנדיק צווישן די וואַרטנדיקע וואַגאָנען, אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן, האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט, ווי עמעצער קוקט מיר נאָך. איך האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען:

אין טיר פון אַ משא־וואַגאָן איז געשטאַנען אַ פרוי און אַ יונג מיידל, אויף וויפל איך האָב זיך אָריענטירט, איז עס געווען איר טאָכטער.

די דאָזיקע פרוי האָט געוווּסט ווער איך בין, און נאַטירלעך - איך האָב געוווּסט ווער זי איז, כאָטש איך האָב זיך ניט געקאָנט דערמאָנען צי האָב איך אַמאָל אויסגערעדט מיט איר צוויי ווערטער. אָבער דאָ, אין דער ווייטער פרעמד, האָט זי אין מיר דערקענט אַ היימישן. פון מידקייט, פון זען אַזוי פיל מענטשן אין אַזאַ קורצער צייט, איז זי ביי זיך ניט אינגאַנצן זיכער געווען, אַז דאָס איז טאַקע דער זעלבער, וועלכן זי האָט געקענט פון שטעטל.

דאָך האָט זי איינגעשטעלט, און אַ פרעג געטאָן:

-ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ?

-אַ פּאָר טעג ערשט. און ווען זענט איר אַוועק פון שטאָט?

ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס מיר, נאָר צוליב די אומוועגן האָט עס געדויערט לענגער צוצוקומען צו אַ באַן־סטאַציע.

-ווהין פירט אייך דער צוג? - האָב איך שוין פרובירט אָנצוקניפּן אַ שמועס.

-דאָס ווייסן מיר ניט. דעם מאַן האָב איך ערגעץ ווו פאַרלוירן, ווען מען האָט באָמבאַרדיקט מאָהילעוו. ווי לאַנג בלייבט איר דאָ?

די פרוי האָט זיך געוווּנדערט וואָס איך בין שוין דאָ, אַזוי צו זאָגן, איינגעקוואַרטירט מיט אַרבעט, אַ ברויט־קאַרטל. אפשר האָט זי מיר גאָר מקנא געווען - אַ מענטש האָט שוין אַ שטיקל מקום, און זי מוז זיך נאָך שלעפּן, ווער ווייס ווהין.

עטלעכע פראַגן זענען ביי מיר געזעסן אויף דער שפּיץ צונג. נאָר גיי פרעג עפּעס, ווען יענע שטייט אין טיר פון אַ משא־וואַגאָן, אויס מורא, טאָמער נעמט דער צוג זיך רירן, און בכלל - אויב אַפילו יאָ - וואָס גייט עס אייגנטלעך מיך אָן... אין אָנבליק פון דער סיטואַציע האָט עס אייגנטלעך מער קיין באַדייטונג ניט געהאַט.

-איך גלויב - איך וועל דאָ בלייבן אַזוי לאַנג ווי ס'וועט זיך לאָזן. אין דעם מאָמענט בין איך שוין ניט געווען מער זיכער אין דער מעגלעכקייט פון שנעלן נצחון, וועלכן די סאָוויעטן האָבן פאַרזיכערט. דער פראָנט קאָן זיך אויך אַהער דערנענטערן.

-יאָ מיר בלייבן, ווי לאַנג ס'וועט זיך נאָר לאָזן...

דאָס איז געווען די לערערין פון דער שול וואָס איז מיט איר מאַן און טאָכטער אָנגעקומען אין שטעטל, אפשר אַ יאָר פריער, איידער די סאָוויעטן האָבן עס פאַרנומען.

-איך בעט אייך, אויב מיין מאַן פאָרט דאָ פאַרביי, און איר באַגעגנט אים, זאָגט אים, אַז מיר זענען געפאָרן ווייטער.

אַצינד בין איך שוין געגאַנגען באַגעגענען די עשעלאָנען ניט צוליב נייגעריקייט, נאָר טאַקע מיט אַ שליחות - צו פאַראייניקן אַ משפחה.

אגב בין איך ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט עמעצן געזוכט. אַרום די וואַגאָנען האָט געווימל מיט מענטשן וואָס האָבן געהאַלטן אין אייך פרעגן: פון וואַנען? ווהין? עמעצן באַגעגנט?

צומאָרגנס, ווי נאָר איך האָב גענומען גיין איבערן פּעראָן און פאַנאַנדערפרעגן: פון וואנען קומען מענטשן? האָבן זיי מיך באַמערקט און באַלד צוגעפאַלן צו מיר. ווי איך

וואָלט געווען זייער איינציקע, מעגלעכע האָפענונג:
-האָסטו אפשר געזען דאָ דורכפאָרן די לערערין זאַלצמאַן און איר טאָכטער?
כאָטש איך האָב דערוואַרט אַזאַ מין פראַגע, בין איך אָבער געווען איבעראַשט, ווען כ'האָב אָנגעקוקט דעם, וועלכער האָט מיך פאַרהאַלטן מיט דער דאָזיקער פראַגע.
דאָס איז געווען מיין חבר פון דער פריער יוגנט - שעוועל, מיט וועלכן איך האָב שוין ניט גערעדט אַ יאָר זעקס אָדער זיבן. צוזאַמען מיט אים איז אויך געווען דער לערערינס מאַן.
אין מיטן פון דער מלחמה האָט שוין ניט געהאַט קיין זין אויפצוהאַלטן די דיסטאַנץ פון זיין צעקריגט.
-נעכטן ערשט זענען זיי אַדורכגפאָרן אין דער ריכטונג פון טאַמבאָוו.
זיי האָבן מיר ניט באַדאַנקט. זיי האָבן אַפילו ניט געפרעגט וועגן מיר און מיין משפחה. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום וואַגאָן מיט מיין אינפאָרמאַציע, ווי מיט אַן אוצר, וואָס מ'קאָן ביי זיי יעדע רגע צורויבן. אַ ווייַלע שפּעטער האָט דער צוג, מיט אַ שווערן סאָפּען, זיך געלאָזט אויף זיין מאַרשרוט.

* * *

שעוועל און איך זענען געווען יונגע יינגלעך, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די שול, ניט מער - ער איז געווען אַ צוויי יאָר עלטער, און די דאָזיקע צוויי יאָר זענען געווען אַ מין באַריער צווישן אונדז.
פון צווישן די מיידלעך וואָס זענען געווען אין אונדזער קלאַס, האָט זיך אויסגעטיילט סאָניע. אַ הויך, דאַר מיידל מיט פלאַקסענע צעפּ. מיט איר האָב איך זיך געפילט מער היימיש, מחמת זי האָט געהאַט אַ סך יינגלערישע שטיפערישקייט אין זיך, און איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אונדז.
וואָס שעוועל האָט געטראַכט וועגן סאָניען, און ווי ער פאַרקוקט זיך אויף אירע יינגלערישע שטיפערייען - דאָס האָט ער מיר קיינמאָל ניט פאַרטרויט. אפשר דערפאַר וואָס ערשט עטלעכע יאָר נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט סאָניע גענומע אַרויסווייזן מיידלשע שטריכן. נאָר מיר זענען שוין דאַן ניט געווען מער קיין חברים.
אָבער ניט צוליב סאָניען.
דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט די רייבונגען אַרום פּראָבלעמען; מיינונגס פאַרשידנהייטן, וואָס זענען אַ ביי־פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אויך מיר, די אונטערוואַקסנדיקע אַביטוריענטן, און די צוקונפטיקע טוער, האָבן דערווייל מיט יוגנטלעכן ברען פאַרנומען פּאָזיציעס - אונטערשטיצנדיק די מיינונגען פון די עלטערע. דאָס האָט אונדז צעשיידט.
סאָניע איז געבליבן אויף שעוועלס זייט פון דער "באַריקאַדע", און כאָטש די עלטערע זענען אפשר אין אַ יאָר אַרום געקומען צו אַן אויסגלייך - צווישן אונדז איז די פרעמדקייט פאַרבליבן.
שעוועל איז דערווייל אויסגעוואַקסן אַ פעסטער בחור, און האָט שוין געאַרבעט ביי סטאָלערײַ. דער ענין מיט סאָניען האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער - אַזוי האָט עס מיר, דעם דרויסנדיקן אויסגעזען. זי איז שוין דאַן געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, און ער - קנאַפּע ניינצן.
צוליב דער זעלבער סיבה האָב איך מיט סאָניען אויך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט, כאָטש פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך באַגעגנט און פאַרבייגעגאַנגען, ווי פרעמדע.

סאָניעס פריינדשאַפט איז מיר געווען אַ שאָד. אָבער אין יענע יאָרן איז דער פּרינציפּ געווען דאָס הייליקע געבאָט פון אויספרווון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער, און צו באַווייזן דעם פעסטן ווילן. האָט מען געמוזט אַ סך אויפגעבן...

קיין שיין מיידל, ווערליך מען שאַצט אָפּ מיידלעך - איז סאָניע ניט געווען. איר פּנים האָט סיי ווי איינגעהאַלטן די שאַרפע שטריכן פון איר קינדהייט. איר בליק איז געוואָרן אַ זוכנדיקער, אַ דורכדרינגלעכער - אָנגעשפּיצט.

די משפחה אירע - אַ מאַמע, אַ ברודער און אַ שוועסטער - זענען געווען אָרעם. דער פאָטער האָט געשטאַמט פון טיף פּוילן, און האָט געמוזט צוריקפאָרן אַהין, ווייל אין שטעטל האָט ער ניט געקאָנט פאַרבלייבן, צוליב דער מעשה מיט די "אַמעריקאַנער כלות".

נעמען די משפחה מיט זיך - האָט ער קיין מעגלעכקייטן ניט געהאַט.

מיר האָבן זיך דערפון קיין ווערן ניט געמאַכט. נאָך אַלעמען - דאָס האָט זיך ניט פאַרלאָפן אין אונדזער צייט. וועגן די פּרטים האָבן די דערוואַקסענע אַפילו זעלטן דערמאָנט.

יאָרן זענען פאַרביי. ביי סאָניען האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעוועבט דער פאַרדאַכט, אַז עמעצער קאָן איר אויסמיידן צוליב דעם.

אין דעם ענגן צימערל ווו זיי האָבן געוווינט זאַלבעפערט, איז שווועל געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער, אַ ביסל צו אָפּט, ווערליך עס פירט זיך ביי בלויז באַקאַנטע.

צו ערשט איז סאָניע ניט געווען פאַרכאַפּט פון דעם, ווי די זאַך צווישן זיי אַנטוויקלט זיך. נאָר איידער וואָס, ווען - האָט זיין משפחה גענומען איר צוטוליען, ווי אַן אייגענע. איז דאָך שווועל געווען דאָס מוזיניקל, איינער וואָס האָט שוין געלערנט אין די קלאַסן...

-זיי ווילן מיך קויפן -האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַליין ניט וויסנדיק צו וועמען...

דערוואַכטע אינסטינקטן האָבן זייערע אייגענע וועגן צו דערגרייכן און באַפרידיקן די שטרעבונגען, וואָס איז זיי אָנפאַרטרויט געוואָרן - אַ שטרעבונג צום ציל פון דערנענטערן די מינים. די נאַטור דערוואַרט די פאַרמערונג פון די מינים - און אויב מענטשן ווילן עס איינוויקלען אין אַ באַשטימטער עסטעטיק און אָנרופן ליבע - איז אדרבא...

און ווייל סאָניע האָט קיין אַנדערע חברים ניט געהאַט, איז זי מיט שווועלן געוואָרן נאָענט און נענטער.

די זומערדיקע נעכט אַרום די הינטערשטאָטישע סעדער האָבן זיי איינגעהילט אין טונקעלער סודותדיקייט. די געפילן צעוואַרעמט מיט יוגנטלעכן רייץ ביז פאַרגעסונג - זענען געווען דער בליץ, נאָך וועלכן עס קומט דער זומערדיקער רעגן... ערגעץ ווו אָבער, אין איר אונטערבאַוווסטזיין, האָט זיך אַ כוח אַנטקעגנגעשטעלט אָט דער נאָענטקייט, אין וועלכער עס האָט געפעלט די באַרעכטיקונג, אָדער די פאַרענטפערונג. דאָס געפיל פון וועלן זיין תמיד צוזאַמען; פון וועלן אויפסניי אַנטדעקן איינער דעם צווייטן; פון האָבן די פינגער פאַרקלעמט אינאיינעם און פילן דורך זיי דעם פּולס פון קלאַפּנדיקע הערצער.

עס האָט איר געפעלט די באַדערפעניש פון וועלן זיך אויפלייזן. די אויפלייזונג איז אָנגערעגט געוואָרן דורך אַנדערע אימפּולסן, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט קאָנטראָלירן, און דאָס האָט איר געאַרט. דער ריס צווישן אונדז האָט זיך מער ניט פאַרהיילט. קיינער

האָט מער ניט געהאַט קיין באַדערפעניש דערפאַר. סאָניע איז געוואָרן דער צענטער אַרום וועלכן שעוועלס וועלט האָט זיך געדרייט.

מיין פריינדשאַפט איז זיי בײדן מער ניט נויטיק געווען... שעוועל האָט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ און אַפילו מער ניט געקוקט אין מיין זייט, ווען מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט.

סאָניע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מיידליש־דעליקאַטער. אירע צעפּ האָבן באַקומען אַ גאָלד קאָליר. אין איר האָט זיך צעוואַקסן אַ יונגע פרוי. זי האָט באַקומען אַ רונדן בוזעם, וועלכער איז איר פאָרויסגעגאַנגען און זיך אָנגעזען. בלויז אין איר גאַנג איז פאַרבליבן איר אַמאָליקע נערוועזיטעט, פון וועלכער זי האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

איין טאָג איז עפּעס געשען וואָס האָט אַלע, וועלכע האָבן זיי געקענט, געלאָזט ממש אָן לשון. ס'איז אַנטשטאַנען אַ סיטואַציע, וואָס איז ניט געווען פאָרויסצוזען. און געבליבן -אָן באַשייד.

-נו, וואָס זאָגסטו אַצינד? -האָט מיר יאָשקע ידידיס אַ פרעג געטאָן, כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען שעוועלס חבר, האָט ער מיט מיר אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן.

איך האָב אָנגעשטעלט אויף אים מיין בליק, וואָס האָט אים אויסגעזען נאַיוו. עס האָט זיך אים ניט געגלויבט די דאָזיקע נאַיוויטעט, און געמיינט האָט ער, אַז עס איז בלויז אַן אָנשטעל אַזאַ, פון מיין זייט. -וואָס זאָל איך זאָגן? פונקט איצט? וועגן וואָס?

די צייטן זענען געוואָרן אומרויקע, ספּעציעל פאַר יידן. ווערדליק די צייטונגען איז אַ מלחמה ניט געווען צו פאַרמיידן. סטודענטלעך, וועלכע זענען געקומען אַהיים פון לעמבערג און וואַרשע, האָבן שוין באַוויזן אַ היפּש ביסל גיפט אַריינצולאָזן אין דעם המון.

יאָשקען אַליין האָב איך שוין אויך ניט געזען אַ פּאָר וואָכן, און בין געווען זיכער, אַז ער וויל וויסן וואָס עס גייט איבער דער ראַדיאָ, איבערהויפּט ווען ער האָט געוווסט, אַז איך הער די סאָוויעטישע נייעס אויך.

-ווייסטו טאַקע פון גאָרניט? האָט ער ניט געוואָלט מיר מוחל זיין מיין ניט וויסן -פּונקט ווי מיין איגנאָראַנץ וואָלט געווען אַ מאָראַלישע זינד.

-סאָניע און איר משפחה זענען אַוועקגעפאָרן צו איר טאַטן -האָט יאָשקע אויסגעשאָסן אין איין אָטעם - אָן אַ זיי געזונט!

-און שעוועל? -האָב איך מיט געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט אַ פרעג געטאָן.

-מ'שמועסט, אַז ער וועט נאָכער אַהינפאָרן. ער אַליין איז אָבער שטום ווי די וואַנט.

וואָס האָט קאַליע געמאַכט דעם שידוך? -האָב איך שוין גענומען אַרויסווייזן אַ שטיקל אינטערעס. ניט וויסנדיק אַליין, צי דאַרף איך זיין צופרידן דערפון, אָדער ניט.

- ער איז אויס מענטש. גייט אַרום ווי אַ נעכטיקער...

דאָס, וואָס אַלע באַקאַנטע האָבן דערוואַרט ווי דעם נאַטירלעכן אויסגאַנג פון דער סיטואַציע, איז ניט געשען. צו אַלעמענס אַנטוישונג, איז שעוועל ניט נאָכגעפאָרן.

אומגעפער אין יענער צייט האָט זיך די משפחה זאַלצמאַן אַראָפּגעלאָזט אין שטעטל, צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון לערער אין דער יידישער שול.

וועגן זאַלצמאַנען קאָן מען זאָגן, אַז ער איז געווען דאָס, וואָס יידן באַצייכענען: אַ מלמד, אַפילו מיט אַ צוגאָב - אַ טיפּישער מלמד. און וואָלט ער ניט געהאַט קיין טאָכטער ווי אַ באַוויז, אַ ער איז אַ מאַצפאַרשוין, וואָלט מען אַפילו אין דעם פאַקט געקאָנט לייקענען.

די פרוי זיינע - אויך אַ לערערין -איז ניט געווען קיין יונגע, און קיין ספּעציעלע שטריכן וואָס זאָלן אַרויסרופן אויפמערק האָט זי אויך ניט פאַרמאָגט. פון די קנייטשן אויף איר פּנים האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אַז פון קיין לוקסוס-לעבן האָט זי ניט געליטן. אָבער לויט איר באַנעמונג האָט מען באַלד געקאָנט אורטיילן, אַז וואָס-וואָס, קיין פאַשלאָפענע איז זי ניט. זי גייט אין די הויזן - דאָס האָט אַפילו איינער וואָס איז ניט קיין מבין אין די זאַכן, אויך געקאָנט אַנען. -אַזוי האָט געפסקנט דודל "סעראַוואַדקע", וואָס איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט די לערער אויפגענומען און באַאַרגט מיט אַ קוואַרטיר. -און די טאָכטער? פון דער פראַגע האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אַ פריילין האָט זיך באַוויזן אויפן שטעטלשן האָריזאָנט..

-ס'קומט דיר נאָך אַלץ מיידלעך צום חלום -האָט דוד דעם פרעגער אָנגעקוקט. -פאַרגעס -די טאָכטער איז אוודאי אַלט אַ יאָר אַכט אָדער ניין... און די מאַמע? דער פרעגער האָט ניט געוואָלט אויפגעבן, מען זאָל אים ניט האַלטן פאַר קיין כניאָק. -אַזוי, אַ גאַנץ נשקשעדיק ווייבל -דאָס האָט שוין דוד געזאָגט סתם אַזוי.

פון די אַמאָליקע שילער האָט זיך בלויז שעוועל באַפריינדט מיט דער לערער משפחה, כאָטש אַמאָל בין איך אויך געווען צווישן די ערשטע, אָפּצושטעקן נייע לערער אַ וויזיט... אָבער ניט מער...

אָן סאָניען האָט זיך נאָך אַלץ די וועלט געדרייט, כאָטש שעוועלס וועלט האָט זיך געדרייט אַ היפּש ביסל לאַנגזאַמער. ער איז אין יענע טעג געווען ווי אָן אינסטרומענט - ראָמאַנטיש אָנגעצויגן -וואָס האָט געוואַרט אויף זיין מייסטער.

דאַמאָלט האָט זיך שעוועל געכאַפּט, אַז זיין בילדונג באַפרידיקט ניט מער די באַדערפעניש, וועדליק די הייַנטיקע צייטן. די לערערין זאַלצמאַן האָט מסכים געווען צו געבן אים עטלעכע לעקציעס אַ וואָך.

-שעוועל קלייבט זיך צו ווערן אַ פּראָפעסאָר -האָט מיר יאָשקע געלאָזט וויסן, וואָס אויף "יענער זייט" קומט פאַר.

יאָשקען האָבן אויך עלטערע גימנאַזיסטן געגעבן לעקציעס אין פּויליש און העברעיש. איז זיין באַמערקונג דערפאַר געווען אָן סאַרקאַזם. אדרבא - ער איז געווען צופרידן, וואָס שעוועל מאַכט אים נאָך. -די צייט פאַרלאַנגט, אַז אַ מענטש זאָל וויסן אַביסל מער, ווי ער ווייס -האָט שוין יאָשקע מעשה פילאָסאָף פאַרענטפערט זיין באַמערקונג. און דו ווייסט דאָך יאָ, אַז צופיל האָבן מיר ביידע ניט געלערנט.

אויף וויפל איך האָב געדענקט פון שול נאָך, איז שעוועל ניט געווען פון די פעיקע שילער, און אויב ער קאָן אָניאָגן, וועט עס אים ניט שאַטן. דאָס איז געווען מיין עטנפער.

אָבער צופיל סימפּאַטיע האָב איך ניט געהאַט פאַר דעם בחור, און דאָ האָט זיך געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט צו לאָזן עס וויסן.

-ער האָט אַוודאי געלייענט אין פאַראיין אויף דער וואַנט דעם לאָזונג פון קאַרל מאַרקסן, אַז וויסן איז מאַכט. טאָ צו וואָס דאַרף איצט שעוועל מאַכט, אַז סאָניע איז ניטאָ מער?

-דו קאָנסט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן די מעשה, וואָס איז שוין אָן אַלטע, אָפּגעקראָכענע מעשה - האָט יאָשקע ניט געקאָנט פאַרשווייגן מיין שטאָך.

נאָך דעם, ווען ער האָט זיין חוב לגבי זיין חבר אָפּגעטאָן, האָט ער אויך מיר פון דעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן אַ לעקציע וועגן די "פאַקטן פון לעבן".

-מיט אַ מיידל ביזטו קיינמאָל ניט זיכער. זי קוקט אַלע מאָל אַריבער דיר, און אויף

דער אַנדער זײַט קאָן זיך אַלע מאָל געפֿינען עמעצער, וואָס געפֿעלט איר בעסער ווי דו.
וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, איז פֿאַר מיר ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. אָבער עס איז געווען גלײַכער ניט איבערצופֿרעגן, טאָמער קאָן עס מיר שפּעטער פֿאַרדריסן...

* * *

דער פּאַרק האָט זיך געצויגן אַרום דער אָזיערע פֿון אַלטן גראַף, און כאָטש עס האָט געהערט צו אים, האָט קיינעם ניט געשטערט אַרומשפּאַצירן דאָרט און געניסן פֿון שאָטן פֿון די צעצווייגטע קליאָנען און אַלטע דעמבן.

איז דער שילער און די לערערין געגאַנגען שפּאַצירן אין פּאַרק אין די פֿריע אָוונט-שעהן. די לערערין האָט באַנומען, אַז אויסער וויסן, וואָס איז אים נויטיק, זוכט דער שילער אַן אָפּן אויער פֿאַר וועלכן זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן. האָט זי אים געלאָזט ריידן. אַ שותּף צו זײַן בענקשאַפֿט - האָט זי זיך דערפֿילט יינגער, און אַ ניט פֿאַרלאָשענער פֿונק וואָס האָט אין איר געטליִעט, האָט זיך גענומען צעבלאָזן אין אַ פֿלאַם, וואָס האָט באַליכטן די ניט-אויסגעלעבטע געפֿילן.

דער בחור האָט איר אימפּאָנירט. כּוח האָט געשפּראָצט פֿון אַלע זײַנע גלידער. די האַנט, מיט וועלכער ער האָט איר צופֿעליק באַרירט - האָט געבריט. אין דעם טונקעלן אָוונט האָט זי זיך דערפֿילט נאָענט צו אים - און די צען יאָר צווישן זיי זענען ווי אָפּגעמעקט געוואָרן.

מיט דער אינטויציע פֿון אַ דערפֿאַרענער פֿרוי האָט זי באַלד דערשפּירט, אַז דער בחור איז ניט גלײַכגילטיק צו איר. אַז ער וואַרט אויף אַ סימן. ווען זי האָט געמאַכט די אַנטפּלעקונג, איז זי נאָך ביי זיך ניט געווען זיכער ווי אַזוי צו האַנדלען, כאָטש זײַן אויפֿמערק האָט איר געשמייכלט.

דאַרף זי זײַנע געפֿילן קולטיווירן און דערמוטיקן? זי האָט געלאָזט אָנוואַקסן די שפּאַנונג. דער בחור איז געוואָרן אומגעדולדיק. זי האָט געפֿילט, אַז ווען ער זיצט נעבן איר און קוקט אַריין אין העפֿט, אָדער בוך, ציטערט ער אינגאַנצן, ווי עס וואָלט אים געשווינדערט. דער בלייפֿעדער ציטערט אין זײַן האַנט. לויט זײַן ענטפֿערן אויף די פֿראַגן קומט איר אויס, אַז זײַן קאָפּ, זײַנע חושים זענען גאָר ערגעץ אַנדערש.

עס האָט געדראָט אַ סכּנה, אַז אין מיטן דער לעקציע, אין דער ענגשאַפֿט פֿון צימער זאָל ער עקספּלאָדירן, און עס זאָל געשען. זי האָט געפֿילט: זי וואָלט ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד... זי האָט ניט געוואָלט איבערציִען דאָס שטריקל. אויך איר האָט די קאַץ און מויז שפּיל דערעסן. פֿון דער כוואַליע וואָס האָט אַ רויש געטאָן אין איר בלוט, איז איר קלאָר געוואָרן, אַז אויך זי איז צייטיק פֿאַר דאָס אומפֿאַרמײַדלעכע...

זי האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען זײַן קאָפּ, אים אויסגעדרייט צו זיך, אַריינגעקוקט אין זײַנע פֿאַרגלייזטע אויגן, און שטיל אַ שמעטשע געטאָן. אין זײַנע אויערן האָט עס אָפּגעקלונגען ווי אַ דונער.

-ניט דאָ. היינט ביינאַכט. אין פּאַרק. דערווייל האָב געדולד...

קיין גרויסע באַגייסטערונג האָט דער ראָמאַן ניט אַרויסגערופֿן ביי ביידע צדדים.

אין שוועלס משפּחה האָט מען גענומען ריידן וועגן דעם, אַז פֿון דער לערערין וועט ער זיך גאָרניט אויסלערנען, אַז די לעקציעס פֿאַרציִען זיך צו שפּעט, אַז נאָך אַלעמען איז זי אַ מאַמע פֿון אַ קינד, און זי האָט טאַקע אַ מאַן אויך...

דער לערער זאַלצמאַן איז אויך ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס זײַן פֿרוי שענקט דעם שילער.

-די איבערגעגעבנקייט פון אַ לערער דאַרף זיין אַן איבערגעגעבנקייט ביז צו אַ גרענעץ - האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַ פּעדאַגאָג.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בליק, פון וועלכן עס האָט געשאָסן מיט פונקען, און פון וועלכן ער האָט קיין גוטס ניט דערוואַרט.

-איך ווייס די גרענעץ - האָט זי אַ זאָג געטאָגן מיט קאַלטער אַנטשלאָסנקייט, פון וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מער צו דיסקוטירן איז ניטאָ וואָס.

* *
*

די דאָזיקע קאָמפּליקאַציע איז געוועזן ווי אַ מכה, וואָס נעמט אָנוואַקסן פון אַ קליין טשיריקל. עס נעמט זיך אַנטוויקלען ערגעץ ווו אין קערפּער, אין אַ קראַנק אָרט. עס קומט אָבער סוף כל סוף אַרויס אויבנויף, און פּלאַצט, פאַרשפּרייטנדיק אַ ניט אָנגענעמען ריח.

און געשען איז עס אין אַ געוויינלעכן פרייטיק בייטאָג.

די קוואַרטיר ווו די זאַלצמאַנס האָבן געוווינט, איז געווען אַ צימער הינטער אַ בעקעריי. דאָרט האָט זיך - וועדליק פרייטיק - גערודערט מיט ווייבער און מיט טעפּלעך. אין אָט דעם גערודער איז מיטאַמאָל אַרויסגעלאָפן דער לערער זאַלצמאַן אין דרויסן מיט אַ גוואַלד, האַלטנדיק די הויזן אין האַנט, ווייל אין אייַלעניש האָט ער זיי פאַרגעסן אָנצוטאָן.

שרייענדיק האָט ער באַמערקט, אַז ער האַלט די הויזן אין האַנט און זיי גענומען אייליק אָנטאָן. פון זיינע גוואַלדן האָט מען ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, און וואָס אַזוינסט איז געשען. מען האָט געמיינט, עס ברענט - אָבער קיין רויך האָט זיך אין ערגעץ ניט געזען.

-יידן גוואַלד - האָט דער לערער ניט אויפגעהערט צו שרייען - ער ליגט דאָך מיט מיין ווייב אין בעט!

* *
*

ווייל מען זיין ערלעך צום לערער זאַלצמאַן, דאַרף מען אַריינגיין אין זיין געמיט צושטאַנד, אין דער קאָנפּראָנטאַציע, וואָס האָט געבראַכט צו דער דעמאָנסטראַציע פון הילפלאָזיקייט. געווען איז עס אייגנטלעך אָט ווי:

יענעם פרייטיק איז די פּרוי געבליבן אינדערהיים. די טאָכטער איז נאָך דער שול געגאַנגען זיך שפּילן צו אַ חברטע. ווען דער לערער איז פון זוניקן דרויסן, אַ מידער, אַריינגעקומען אין צימער, איז דאָרט געווען גאָר טונקל. אין דעם צימער איז קיינמאָל ניט אַריין די זון, און מיט אַ פאַרהאָנגענעם פענצטער איז די טונקלקייט געווען אַ מיטנאַכטיקע. ער האָט געהערט אַז עמעצער ליגט אין בעט. פון איר רוין אָטעמען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי שלאָפט. אַליין איז ער אויך געווען מיד פון דער אַרבעט אין שול. איז ער דאָך אויך געווען דער פאַרוואַלטער. אַביסל זיך צולייגן, וועט אים ווייל באַקומען.

צוערשט האָט ער אויסגעטאָן די ברילן - ער וועט דאָך ניט גיין אין בעט מיט די ברילן, און דאַן האָט ער זיך אויסגעטאָן ווי געהעריק און זיך באַמיט אַריינצוגיין אין בעט, אויף זיין געוויינטלעכן אָרט. אָבער דאָרט איז שוין עמעצער אַנדערש געלעגן און געשלאָפן.

דיווירקלעכקייט האָט אים אַ ברי געטאָן ווי מיט אַ צעגליטן אייזן. ער האָט פאַרלוירן דעם ישוב הדעת. דאָס וואָס ער האָט שוין לאַנג חושד געווען, אָבער מורא

עקיבא פישבין / ירושלים

## די קינדהייט פון חיים סוטין (I)

חיים סוטין, דער געמאַטערטער ייד, דער מאָלער פון אַנגסט און פּחד - ער שטייט אין היכל פון דער פּלאַסטישער קונסט פון 20־טן י.ה. דעם בלוטיק־צעוויכערטן, אויף דער סאַמאַדאָנער מזרח־וואַנט מיט אַ קרוין פון דערנער אויפן קאָפּ. אויף דעם פּרעסטיזשפולן פּלאַץ האָט סוטינען אַוועקגעשטעלט זיין פייערדיקער פּענדזל וואָס האָט אויסגעפּלאַמט די אַנגסטיק־בראַנדיקע ליידן פון זיין יידישער נשמה.

"קונסט איז די טאָכטער פון טרויער און ליידן" - זאָגט פּיקאַסאָ. יאָ. אויף די סוטינישע בילדער ליגט אויסגעשפּרייט אַ טרויער; דאָרט שרייען די ליידן פון מענטש געוואַלד! -טויב צו ווערן... סוטינסט קונסט פאַרשפּיגלט די אַנגסטיקע נשמה פון יידישן מענטש, אינעם נע־ונד געפּלאָגטן און גערודפטן.

אין סוטינס מאָלעריי איז קיין סימן נישט פאַראַן פון יידישן שטעטל; קיין איינציקע יידישע געשטאַלט איז נישט פאַראַן אויף זיינע בילדער - און דאָך רייסט דאָרט שטיקער די יידישע דראַמע, די דראַמע פון יידישן אומרו און יידישן פּחד.

זייט ס'האָט אַ בליק געטאָן די גלאָריע פון אונדזער מאָלער מיט דער פלאַמיקער פאַרבן־פּאַלעטע, הערט נישט אויף די קונסט־וועלט צו שטעלן די האַרבע קשיא - ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס פון אַ פאַרוואָרפענער העק אין צאַרישן תחום המושב, פון אַ פּרימיטיוועד יידישער סביבה, וווּ בילדערישע פאַרשטעלונג איז - אסור! ווי אַזוי מאַכט זיך, וואָס פון אַזאַ אומדאַנקבאַרער ערד פאַרן, אויפקום פון קונסט, זאָל אַרויסוואַקסן אַזאַ ספּאָנטאַנער קינסטלערישער כוח, אַזאַ גרויסמייסטער פון מאָלעריי?!

ווי אַזוי מאַכט זיך דאָס?

נו - אויף טאַלאַנט בחסד עליון שטעלט מען נישט קיין קשיאות; און דאָך... לאָמיר פּרווון אַ זוך טאָן אַ שטיקל תשובה...

1

חיים סוטין איז געפאַלן אויף דער וועלט אין יאָר 1894 - אַ צייט, אַ ביטערע פאַר יידן. די לופט פון תחום המושב איז אָנגעגליט מיט שרעק פאַר פּאָגראָמען. באַלד וועט דער פּאָעט חיים נחמן ביאַליק אַ דונער טאָן מיט זיינע צאָרנדיקע פערזן: "...גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג: / אַ שחיטה מיט אַ פרילינג;/ דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן -/ און דער שוחט האָט געשחטן". ("אין שחיטה־שטאָט")

סוטין איז געבוירן געוואָרן אין סמילאָוויטשי נעבן מינסק. אין דעם שטעטלע, גרויס

---

געהאַט פאַרן מויל צו ברענגען, האָט זיך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט פאַר אים מיט דער גאַנצער ברוטאַלער נאַקעטקייט. דערפילנדיק זיך איבעריק, איבעריק אין זיין אייגענער היים, אין זיין אייגן בעט, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די הויזן און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן מיט אַ גוואַלד.

די ווייבער ביים בעקער האָבן אים באַדויערט, אָבער העלפן האָבן זיי אים נישט געקאָנט.

* * *

איך האָב נאָכגעקוקט דעם עשעלאָן אין וועלכן זיי זענען פאַרשוואונדן מיט מיין אינפאָרמאַציע, ווי מיט אַן אוצר, וואָס מ'קאָן ביי זיי אַ יעדע רגע צוריבן.

ווי אַ טל ומטר אין אַ קליין סירודל, שפּיגלט זיך דער גרויסער ים פון יידישע צרות אין צאַרישן רוסלאַנד.

חיים סוטין איז אויף אַ ויידן ליילעך נישט געבוירן געוואָרן. און אין האָניק און מילך האָט מען אים נישט געבאָדן. שלמה, דער טאַטע זיינער, איז געווען אַ שניידער - ער האָט מלבוש ערומים געווען די פויערים פון אַרומיקע דערפער. אַ פויער, בטבע, פלעגט באַשטעלן אַ מלבוש צו דער חתונה; באַצאָלן פלעגט דער פויער אויף האַרבסט, נאָכן שניט. און אַז געטראָפן האָט אַ יאָר אָן אַ גערעטעניש, איז דער חוב געבליבן חוב, אָפט מאָל - עד ביאת המשיח... ווייל מאָנען ביים פויער דעם חוב האָט געשמעקט אָפטמאָל מיט אַריינכאַפּן געזונטע קלעפּ... ווער שמועסט בעת די צייטן פון פּאָגראָמען - דאָ האָט מען סתם אין שטעטל געציטערט פאַר אַ קרומע מינע פון אַ פויער...

הקיצור - שלמה סוטין האָט מער געלאַטעט אַלטע מלבושים, ווי גענייט נייע. מילא, צו פאַרשטופּן די מיילער פון זיינע עלף קינדער מיט אַ מוצא ברויט איז דעם אָרעמען שלמה אָנגעקומען נעבעך מיט קריאת ים סוף.

חיים, דאָס צענטע קינד אין דער משפּחה, האָט זיך געכאָוועט אויף אָרעמע מזונות; געשלאָפן איז ער אויף אַ שעניק מיט צעפוילטן שטרוי, ווייל שטרוי אויפן מאַרק איז נישט געווען בזול...

ס'איז כדאי צו באַמערקן - דער קליינער חיים איז געוואַקסן אַ שווייגער. עפּעס האָט ער זיך געשאַרט ביי די ווענט. ליידער, האָט ער פון דער מאַמען אַ סך ליבשאַפט נישט פאַרזוכט. שרה סוטין איז טאַקע געווען אַ יידישע מאַמע, אָבער ווו נעמט מען אַזאַ ברייט האַרץ אין דערין אַלע עלף קינדעלעך אַריינצונעמען?... דאָס סאַמע וויכטיקע אָרט אין שרה סוטינס האַרץ האָט פאַרנומען דער בכור; פון אים, האָט שרה געטענהט, וועלן מיר האָבן נחת - ער וואַקס אַ רבי!

חיים האָט געלערנט אין חדר; די עברי איז אים אָבער נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין... דערביי האָט ער געהאַט אַ מיאוסע טבע; ווי נאָר ער האָט געפּאַקט אַ שטיקל קויל, אַ בלייפעדער, האָט ער דערמיט געצייכנט מענטשעלעך... אָן אָנשיקעניש אַזאַ, אַלע ווענט זענען באַלייגט געווען מיט זיינע מענטשעלעך...

טאַטע-מאַמע האָבן זיך באַגראָבן פאַר חרפּה. ס'טייטש, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט - אַ יידיש קינד זאָל מאַכן מענטשעלעך. דער קליינער חיים האָט אמת על פּי שכל, פאַרשטאַנען, אַז ער טוט שלעכטס. עפּעס האָט אים דער רבי אין חדר געזאָגט, אַז צייכענען איז אַ גרויסע עבירה: עס שטייט געשריבן - בפירוש - אל תעשה לך פסל! פאַר עובר זיין אויפן דאָזיקן לאו, האָט דער רבי געוואָרנט, קאָן ער אַמאָל, חיים, גלייך גיין אין גיהנום אַריין רחמנא לצלן! אַלץ איז טאַקע אמת, אָבער וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, אַז אין אים שטעקט אַ דראַנג אויפצושטעלן אַן אייגענע וועלט...

פאַר וועלן אויפשטעלן אַן אייגענע וועלט, האָט דער קליינער חיים טאָג-טעגלעך געצאָלט אַ טייערן פּרייז. פּעטש זענען געפלויגן פון אַלע זייטן - די ברידער האָבן געפּאַטשט, דער טאַטע האָט געפּאַטשט, אויך די מאַמע איז נישט קאַרג געווען אויף פּעטש; און אַפילו סתם יידן וואָס האָבן רחמנות אויף אַ יידיש קינד, גוטע מענטשן וואָס ווילן עס אויסהיטן פון אַן עבירה, האָבן צוגעלייגט אַ האַנט...

היות ווי אַריינכאַפּן פּעטש איז אַ ביטער עיסק, האָט זיך דאָס אָרעמע קינד אַרומגעדרייט אין איין שרעק - טאַטע אין הימל, ווי היט מען זיך אויס, מען זאָל אים נישט פּאַקן חלילה ביים צייכענען?! און אין די שוואַרצע אויגן פון קליינעם חיים האָט

זיך באַזעצט דער ערשטער אַנגסט און פּחד.

מען דאַרף באַמערקן - דער קליינער סוטין איז געווען אַ ביז גאַר פּילבאַר קינד. יעדעס מאָל, ווען אים איז אויסגעקומען צו זען, ווי דער שוחט שחט אַן עוף, פלעגט ער אַהיימקומען אַ צעבראָכענער און וויינען - ווי אַזוי נעמט מען דאָס אַ לעבעדיק אומשולדיק באַשעפעניש און מען הרגעט עס אַוועק?!... אים האָט אויפגעטרייסלט דער לעצטער לעבנסצאַפּל פון די געשחטענע עופות; געשראָקן האָט אים דאָס פליסנדיקע וואַרעמע בלוט זייערס...

יאָ, דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט; פאַראַן געווען ערגער. איין טאָג האָבן די אויערן פון קליינעם חיים אויפגעכאַפּט עפּעס מאָדנע רייד פון די דערוואַקסענע. פון זייערע געשפּרעכן איז אויסגעקומען, אַז נישט בלויז עופות שחט מען - אויך יידן שחט מען; אַפילו יידישע קינדער ווערן געשחטן, ווי די אָרעמע עופות. און די דאָזיקע יידן־שחיטה, הערט ער, רופן די דערוואַקסענע - פּאָגראָם! געוואַלד!!! - האָט דער קליינער חיים אַ ציטער געטאָן - אוי־ווײ איז מיר! טאָמער אַזאַ פּאָגראָם איז אין שטעטל סמילאָוויטשי, וועט מען אים שחטן, ווי אַן עוף? און רינען וועט פון אים בלוט, ווי פון די צאַפּלדיקע עופות? געוואַלד! ווו טוט מען זיך אַהין?!

דער קליינער יונג איז אויסגעגאַנגען פאַר שרעק!

די אַנגסטיקע ידיעות פון בלוטיקע טעג און בלוטיקע וואָכן האָבן אויסגעבריט, אין דמיון פון קליינעם סוטין שרעקלעכע וויזיעס; וויזיעס פון אַ דראַמאַטישן תוכן - וויזיעס געטובלטע אין בלוט. די פּיין פון קינד איז געווען אומדערטרעגלעך. זיין נשמה האָט געפּרעסן די שרעק פאַרן לעבן. די אָ שרעק וועט ער קיינמאָל נישט גובר זיין. און ווען ער וועט אַרויס מיט מזל פון זיין צעפליקטער קינדהייט, וועט אים, ווי אַ שאָטן, דער פּחד באַגלייטן עד יום מותו.

אַ לעבן לאַנג וועט חיים סוטין זיך אַרומדרייען מיט אַ פּזמון: -"כ'וויל נישט דערטרינקען ווערן אין מיין אייגענעם בלוט!"

פון זיין קינדהייט איז סוטין אַרויס מיט אַן אומרויק געמיט, מיט אַ נשמה צעפליקט און צעריסן. ער האָט אין זיינע גלידער, עד יום מותו, געטראָגן דעם אומגליק. גאַנץ פּרי האָט דער קליינער סוטין באַנומען, אַז די גרענעץ צווישן לעבן און טויט איז אַ מין דינינקע בריק, אַ באַפלעקטע מיט רויטקייט פון בלוט... אָט, לעבט אַן עוף; אַ רגע שפּעטער, צאַפּלט עס אין לעצטן ספּאַזם פון לעבן...

ביים קליינעם חיים פורעמט זיך אַן אַנגסטיקער געדאַנק - עפּעס לעבט מען אין אַ הינטישער וועלט; אומשולדיקע מענטשן, אומשולדיקע בעלי־חיי, ווערן דערטרונקען אין זייער אייגענעם בלוט. ובכן - ווען חיים סוטין וועט זיך שטעלן אויף זיינע דערוואַקסענע פיס און זיין אומרויק געמיט וועט אַ שריי טאָן מיט פייערדיקע פאַרבן, וועט זיין פלאַקערדיקער רויט דערמאָנען בלוט! אין זיינע בילדער וועט וויכערן דער שטורעם, וואָס אין זיין געמיט.

אָט, שרייבט אַ פּאַריזער קריטיקער, אַז סוטין האָט אים דערציילט: אַ קליין קינד איז ער געווען, סוטין, האָט ער געזען, ווי דער שוחט שחט אַ קאַטשקע. ער האָט אַ ציטער געטאָן פון שרעק, געוואָלט שרייען - געוואַלד! - איז אים דאָס געשריי געבליבן שטעקן אין האַלדז... ווי אַזוי הילכט מען אויס דעם געשריי? סוטין האָט זיך מודה געווען פאַרן קריטיקער - אויסהילכן דעם געשריי פון שרעק האָט ער פּרובירט אין זיינע בילדער "דער אָפּגעשונדענער אָקס" און אנדערע. באַפרייען דעם פּיינלעכן געשריי פון שרעק,

ליידער, דאָס איז אים נאָך אַלץ נישט געלונגען.

אזוי האָט זיך דער יידישער קינסלטער מתוודה געווען פאַרן פראַנצויזישן קריטיקער. די דאָזיקע רייד סוטינס קלערן אויף די מיסטעריע פון זיין קונסט - דהיינו, מיט זיין פייערדיקן פענדזל פרווּוט ער באַפרייען דאָס אַנגסטיקע געשריי פון שרעק, וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, קינדוויַיז, ווען ער האָט צוגעקוקט, ווי מען שחט און מאָרדעט...

2

ווען חיים איז מיט מזל אַלט געוואָרן ניין יאָר, האָט מען גענומען זוכן פאַר אים אַ תחלית אין לעבן; אַ רב, האָט מען שוין געזען, וועט דער קליינער נישט ווערן. איז וואָס טוט מען מיט אים? שלמה סוטין האָט געהאַלטן - זיין זון דאַרף ווערן אַ שוסטער, מחמת דער פויער טראַכט וועגן זיינע שטיוול מער, ווי וועגן אַ מלבוש.

אַריינגעמישט אין ענין האָט זיך חיימס אַ פעטער, אַ שניידער אין מינסק - ער נעמט דאָס יינגל אין די הענט אַריין און מאַכט פון אים אַ מענטש. מאַכט זיך, אַז ביים פעטער אין מינסק איז חיים געוואָרן "אויס מענטש"! ער האָט ביים פעטער גליטן אַ דין; נעבעך געהונגערט גאַנצענע טעג...

- ער אַרבעט דען? האָט דער פעטער געטענהט, מענטשעלעך מאַכט ער אַ פעליקן טאָג! ער פאַרדינט דאָך נישט אויפן ברויט וואָס ער דאַרף עסן! יאָ - טאַטע, מאַמע האָבן שוין געזען, אַז די בראָך איז פאַרטיק; זייער קינד איז געוואָרן געשטראָפט פון גאָט! געשטראָפט מיט אַ קליפּע צו מאָכן מענטשעלעך און חיות; עפּעס אַ קרענק אָן אַ רפואה. כאָטש שלאָג אים פון היינט ביז מאָרגן - ס'העלפט נישט!

איז וואָס'זשע טוט מען מיט אַזאַ אומגליקלעך קינד, נעבעך? ס'איז דאָך אויפן קליינעם אַ ביטער רחמנות!

שלום געמאַכט מיטן גורל, איז טאַטע־מאַמע איינגעפאַלן אַ געדאַנק - חיים וועט גיין אויף דער לער צו אַ פאָטאָגראַפיסט אין מינסק, אולי ירחם! אפשר דאָרט, וועט זייער קינד ווערן מיט גאָט הילף, אַ שטיקל לייט.

שלמה און שרה סוטין האָבן געשאָסן און געטראָפן... טאַקע אין מינסק, ביים פאָטאָגראַפיסט, האָט חיים גענומען ווערן אַ שטיקל לייט. דהיינו? איז די מעשה אַזוי.

איינמאָל האָט דער פאָטאָגראַפיסט באַמערקט חיימס געצייכנטע געשטאַלטן און געפונען, אַז זיי האָבן כולו טעם, האָט ער אים געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און אַוועקגעפירט צו אַ לערער פון צייכענען. דער לערער האָט גלייך געזען, אַז דער חברהמאַן איז פייער! נו, האָט ער אים שוין גענומען אין די הענט אַריין און געפירט אויף אַ וועג.

ווען צו טאַטע־מאַמע אין סמילאָוויטשי איז דערגאַנגען די שיינע נייעס; זייער חיים איז אין מינסק אַוועק אויף קרומע וועגן - נאַ דיר אַ פריש אומגליק - אַן אָנשיקעניש גאָר. מיט לערנען צייכענען... האָט די מאַמע שרה געכאַפּט אַ טוך אויפן קאָפּ און אַוועק קיין מינסק צום לערער מיט אַ געוואַלד - היתכן, ווי האָט מען אַ יאהנדעס אַראָפּצופירן אַ יידיש קינד פון גלייכן וועג?!...

דער לערער האָט די אויפגערעגטע מאַמע באַרויקט: יידענע, מאַכט נישט קיין יללות! אייער יינגל איז אַ גרויסער טאַלאַנט, ער וואַקסט אַ קינסטעלר; ער וועט, אין אַ יאָר אַרום, פאַרדינען אויף זיין אויסקומעניש.

שרה סוטין האָט אויסגעהערט די רייד פון לערער און געפינטלט מיט די אויגן. אַ

גרויסער טאַלאַנט... אַ קינסטלער... מיט וואָס עסט מען דאָס? זי האָט נעבעך קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען... די אָרעמע שרה סוטין האָט יאָ פאַרשטאַנען, אַז ווײ־און־ווינד איז צו דער מאַמען! איר חיים וועט שוין קיין לייט נישט זיין... און טאָמער אַמאָל טאַקע פאַרדינט ער געלט, וועט עס זיכער זיין מיט טריפהנע וועגן... גאַרנישט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ייד.

קורץ פון דער זאַך - דער לערער איז געווען גערעכט. נאָך אַ שטיקל צייט לערנען, האָט חיים גענומען מאַכן פּאָרטרעטן פון יידן און גויים אין מינסק, און פאַרדינען אויף חיונה. געטראָפן האָט אים אָבער איין טאָג אַ מכשול - צוליב צייכענען אַ פּאָרטרעט איז ער שיער נישט געגאַנגען פון דער וועלט.

די מעשה דערפון איז געווען אַזוי.

חיים האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַמאָל אויף אַ שבת קיין סמילאָוויטשי. ווי דער שטיגער, איז ער אַוועק מיט דער משפחה אין שיל אַריין דאַוונען. גראָד יענעם שבת, האָט דער רב געהאַלטן אין שיל אַ פייערדיקע דרשה; גערעדט וועגן קדושת־השבת, דערמאָנט די פינצטערע יידישע צרות, מיט דער געפאַר פון פאָגראָמען, וואָס לויערן אויף יידן. און ווען דער רב האָט מיט רוגזה גענומען רעדן וועגן דעם "לא תרצח", האָט חיים אַ ציטער געטאָן! די רייד פון רב האָבן אים אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן אויף וועלכער וועלט ער איז - דאָס צאָרנדיע פּנים פון רב מוז ער פאַראייביקן! -האָט געטאָן אַ בליץ, ביי אים אין קאָפּ אַ געדאַנק.

חיים האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון טאַש אַ קליינעם נאָטיץ־בלאָק מיט אַ בלייער, און מיט עטלעכע פלינקע שטריכן אויסגעשופט אַ געשטאַלט פון אַ פלאַמיקן יידישן מנהיג.

חיים האָט געשטראַלט פאַר גליק - די צייכענונג איז אים גאָר שטאַרק געלונגען! יאָ, ס'אַזי אַ יושר זי צו ווייזן דעם עולם. זאָלן יידן זען ווער זייער רב איז!

ווען דער עולם האָט אַ קוק געטאָן, וואָס חיים האָט פאַראַרבעט - נו, מאַ! אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן; וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן... די יללות זענען געגאַנגען עד לב השמים!

- אַ כּוח פון אַ יונג! אַזאַ הפקרות?! אַזאַ ביזי־בזיון! אין סאַמאַראָדנעם שבת, אין שיל, צו מאַכן בהפרסיה כוחא ואיטלולא פון אונדזער רב! אַזאַ טריפהניאַק! דעם יונג, דעם עזות פּנים, דאַרף מען לערנען דרך ארץ!...

דער רב האָט געהאַט אין שטעטל אַ קרוב, האָט ער געהאַנדלט מיט בהמות, און געפירט אַ יאַטקע, מילא - אַ פאַר הענט האָט דער ייד פאַרמאָגט, מיט איין זעץ פון אַ פויסט האָט ער אַוועקגעלייגט אַן אָקס. איז דער ייד געגאַנגען לערנען חיימען דרך ארץ פאַר אַ רב.

אַ טאָג נאָך שבת האָט דער קצב, מיט זיסע האַניקדיקע ריידעלעך, פאַרנאַרט דעם נאַיוון חיים אין דער יאַטקע אַריין, און דאָרט אים גענומען דערלאַנגען קלעפּ, ווי אַזאַ פאַרשוין איז בכוח. די קולות פון אָרעמען ייִנגל האָבן פאַרהילכט די גאַס. דער יאַטקע־ייד האָט געשלאָגן אָן רחמנות. חיים איז געבליבן אין אַ קאַלוזשע בלוט ליגן אויף דער ערד אָן באַוווסטזיין.

געהערט באַנומענע קולות, זענען יידן געקומען צו לויפן, געוואָלט וויסן וואָס קומט דאָ פאָר? אַ פאַרחלשטן, האָט מען דאָס יינגל אַוועקגעטראָגן אַ היים. חיים איז לאַנגע וואָכן אָפּגעלעגן צו בעט - געפירט אַ קאַמף מיטן טויט... אָבער, נישקשה - דער שר

הקונסט אין די הימלען האָט געזאָרגט, אַז חיים סוטין זאָל פון דעם קצבס רוצחישע הענט אַרויס אַ לעבעדיקער.

חיימס "אויפטו" אין שיל האָט יידן טאַקע שטאַרק נישט געפעלן. גאַנץ מדינת סמילאָוויטשי איז געגאַנגען אויף רעדלעך... מען דאַרף אָבער זאָגן אויך די פרומע רוגזה פון קצב האָט די יידן נישט געפעלן.

-וואָס האָט ער זיך אַזוי צעיאַכמערט, דער קצב? - האָבן זיך יידן, די בני רחמים, אויפגערעגט, ס'איז דאָך ממש אַ הימל-געשריי!...

יידן האָבן באַשלאָסן - מען רופט דעם קצב צום רב.

דער רב האָט אויסגעהערט דעם עולם און געפסקנט: חיים האָט טאַקע מחלל שבת געווען בפרהסיה אין שיל, עובר געווען אויפן "אל תעשה לך פסל", און נאָך אויף אַן הוספה דעם מבזה געווען כבוד הרב. דאָס זענען אַלץ גרויסע עבירות. דער קצב אָבער - ער האָט שיער-שיער נישט עובר געווען אויפן "לא תרצח". און דאָס - דאָס איז שוין סכנות נפשות! דאָס שמעקט שוין, לויט דער הלכה, מיטן ימח שמו וזכרו! ... ובכן, פאַר אַזאַ רציחה זאָל דער קצב באַצאָלן קנס; 25 רובל זאָל ער אויסצאָלן דעם צעהרגטן בחור, ער זאָל האָבן זיך צו ראַטעווען.

הכלל, ס'האָט טאַקע גאָרנישט געפעלט קיין סך, אַז חיים סוטין זאָל שוין יונגערהייט ווערן דערטרונקען אין אייגענעם בלוט. דער אינצידענט אין דער יאַטקע האָט זיך פאַרקריצט אין זיין זכרון מיט בראַנדיקע ראַצן. ער וועט אין לעבן נישט פאַרגעסן, אַז געטריפט פון אים האָט זיין בלוט, ווי געטריפט האָט דאָס בלוט פון אָפגעשידענעם אָקס, וואָס איז דאָרט, אין דער יאַטקע, געהאַנגען אויף די האַקעס.

בעת די וואָכן געראַנגל מיטן טויט האָט דער בחור געטראַכט און געטראַכט - געטראַכט וועגן פינצטערן לעבן אין זיינע היימישע מקומות, וועגן זיין מאָדנעם גורל, דעם אייביקן פחד; ער האָט באַשלאָסן - אַן עק מוז ער מאַכן צו דעם אַלעם; אַנטלויפן פון סמילאָוויטשי! מיט די 25 רובל, די בלוטיק-פאַרדינטע, פאָרט ער קיין ווילנע און דאָרט גייט ער אַוועק לערנען די קונסט פון מאָלעריי.

טאַטע-מאַמע האָבן אויסגעהערט חיימס באַשלוס און נישט געהאַט דאַקעגן. אדרבא, זאָל ער פאָרן געזונטערהייט. שלמה און שרה סוטין זענען געווען צופרידן; פטור פון אַלע חרפות און בושות, וועלכע זייער חיים האָט זיי צוגעשטעלט. זאָל ער זיין פון דערווייטנס, דער געשטראָפטער פון גאָט...

מיר דאַנקען האַרציק דעם פריינד

**שמחה ליינער**

פאַר דער ברייטהאַרציקער באַשטייערונג
לטובת אונדזער זשורנאַל

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**
**"חשבון"**

גרוניא סלוצקי־קאהן

# באַבי יאַר

יום כיפור, 1941,
אַ שטראָם ציט זיך צום "באַבי יאַר",
מיט ווייב און קינד, מיט עופעלעך
קליינע,
גייען זיי דעם לעצטן וועג,
אַ שוידער נעמט אַרום, אַ שרעק.
שמע ישראל! ס'איז יום כיפור!

אַ וואַך אַ שטרענגע פוןביידע זייטן
און בייזע אויסרופן דעם שטראָם
באַגלייטן:
"בעי זשידאָוו, בעי זשידאָוו!"
אָ, מיין געליטן פאָלק!
אַזויפיל האָס צו דיר, אַזויפיל שנאה,
אַזויפיל שנאה,
שמע ישראל! ס'איז יום כיפור!

פאַרשעמט האָט זיך די זון באַהאַלטן,
שוואַרץ געוואָרן איז דער הימל,
ס'טראָגט דער ווינט אַ שלעכטע
בשורה:
אוי, אַ צרה! אוי, אַ צרה!
קיינער וויל דעם ווינט ניט הערן,
קיינעם רירט ניט דער געיאָמער.
שמע ישראל! גאָט פון אברהם, פון
יצחק
און פון יעקב, אונדזער איינציקער גאָט!
ס'איז יום כיפור!

קיעוו - "די מאַמע פון רוסישע שטעט",
מיט גאָלדענע פּליאַזשן לעם דניעפּער,
צי האָסטו אַ האַרץ, אַ נשמה?
העלפן מערדער טויטן יידן?

יאָרהונדערטער האָסטו געליטן,
מאָנגאָלן האָבן דיך געשניטן,
טאַטאַרן, אַלע דיינע שונאים,
געשפּיגן האָבן דיר אין פּנים,
האָסטו פאַרגעסן?

וואַרפן עופעלך אין יאַר
צעבלוטיקט, צעשפּאָלטן די קעפּ,
דערשראָקענע כלות, צעלאָזן די צעפּ,
און טאַטעס און מאַמעס און אַלטיטשקע
זקנים,
אַ זינד אַ גרויסע, אַן עבירה.
שמע ישראל! ס'איז יום כיפור!

און ס'האָבן אין קלויסטער געקלונגען
די גלאָקן,
אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַלץ
העכער און העכער,
געציטערט פון קלאַנג האָבן "יידישע
דעכער".
שמע ישראל! ס'איז יום כיפור!

ס'פליסט אַ רויטער טייך צום דניעפּער:
"נעם מיך אויף, מיין גוטער ברודער,
כ'קום פון דאָרט, פון "יאַר" דעם רויטן,
בלוט בין איך פון יידן טויטע.

ווילסט ניט, זאָגסט, דו קענסט ניט הערן,
איך בין בלוט געמישט מיט טרערן,
פון די קינדער, פון די זקנים,
אַלע ליגן דאָרט אין איינעם".

רויט אין באַבי יאַר די גראָזן,
רויט די ערד און רויט די שטיינער,
ניט פאַרבליבן קיינער, קיינער...
בלויז די פייגל זיי באַוויינען,
און דער ווינט אַליין זאָגט קדיש:
יתגדל ויתקדש שמה רבא..
שמע ישראל! ס'איז יום כיפור!

אָ, אוקראַינע!
פאַרברענט דיינע יידן,
דאָס אַש אויף די פעלדער צעוואָרפן,
צעשאָטן,

←

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* "די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע" - 1870-2000, אַנטאָלאָגיע באַנד 1, פון דוד עדעלשטאַט ביז משה לייב האַלפּערן. געקליבן און צונויפגעשטעלט - מענדל שלום גאָלדסמיט, אַרויסגעבער - אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס, ניו-יאָרק התשנ"ט-1999. עס איז אַן אימפּאָזאַנטער ספר פון 600 זז' גרויסער פאָרמאַט, מיט בילדער פון די פאַרגעשטעלטע מחברים און אַן אויסשעפּיקער הקדמה פונעם צונויפשטעלער. די הילע איז געצייכנט פון צירל וואַלעצקי. דער לייענער וועט געפינען אינעם בוך אַן אוצר פון דער יידישער ליטעראַרישער יצירה אין אַמעריקע.

* דוד וואָלפּע: "אַ וואַלקן און אַ וועג", לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג "קאַיאָר", יאָהאַנעסבורג, דרום-אַפריקע 1978. דאָס דיקע ספר פון 450 זז' האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג (דורך וואָלקנס) ביז עס איז צו אונדז דערגאַנגען און אויפגעליכטיקט מיט די פּילצאָליקע לידער און פּאָעמעס וואָס פאַרשפּיגלען דעם געראַנגל פון אַ פּיל אויסגעפּרוווטן דור און האַרמאָניזירן שלמותדיק אין אינהאַלט און פאָרעם. אָט, למשל, ווי דאָס ווייטער געבראַכטע קורצע ליד:

שטעל זיך אָפּ און טו אַ טראַכט: ווו גייסטו?
די וועגן דאָ צעפּלאָנטערט און פאַרשטעלט -
און אַ פאַרבלאָנדזשעטער זיך דרייסטו
אַרום דיין אייגענעם געצעלט...

פאַרהאַלט דיין גאַנג און טו אַ קלער: צי וויסטו?
די בלויען דאָרטן לאָקן מיט אַ סוד
און ווי אַ מידער וואַנדערער דערגייסטו
צו אים, וואָס דרייט דאָס שטערנדיקע ראָד.

צו אים? די פראַגע ברענט: פאַרשטייסטו
דער ספק אין דיין מאַרך - אַ שאַרפע שווערד.
איר שאַרפקייט אין דיין בליק פאַרגלייזסטו
און פאַלסט אויף ווערעמדיקער ערד.

* העשיל קלעפּפיש: "מיטן בליק אויף צוריק", יידיש מזרח-איררָאָפּע, קיום און געראַנגל - עסייען, ירושלים תש"ס - 2000. אינעם ברייט-פאַרנעמיקן ספר פון קנאַפּע 600 זז' קומען אַריין אַן ערך זיבעציק עסייען פונעם באַוווסטן היסטאָריקער און פאָרשער פונעם מזרח-אייראָפּעישן יידנטום. דאָס איז דאָס פינפטע בוך פונעם מחבר אויף דער

---

צעמישט מיט ערד, צעמישט מיט בלאָטע,
צעטראָטן האָסטו דיינע יידן, צעטראָטן...

די בלוטיקע שפּורן קענסטו ניט פאַרווישן,
זיי קוקן אַרויס, זיי ווילן ניט שווייגן,
און יידן און קריסטן פאַרגיסן דאָרט טרערן,
דער ווינט קומט יום כיפּור די קברים באַערן...

זעלבער טעמע, וואָס איז פאַר אים אַ נישט־אויסשעפּלעכער קוואַל אין וועלכן ער גרייכט אַלץ טיפער מיט גרויס ערודיציע און ליבשאַפט, אויפשטעלנדיק פאַר דער געשיכטע אַ פאַרשוווּנדענע וועלט.

* ישראל קאַפּלאַן: "מוט", דערציילונגען און מיניאַטורן, י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, תש"ס, 134 זז'.

* אלי ביידער: "אונטער הויכע הימלען", לידער, אַפאָריזמען און נישט פאַרקעמטע מחשבות (פּראָזע), 80 זז' מיט אַ הקדמה פון ד"ר העשיל קלעפּפיש, פאַרלאַג אייגנס", ירושלים 1999.

* שמואל באַט: קליניקייטן, וויזיעס און נאָך", קורצע דערציילונגען און עסייען, 205 זז'. דאָס בוך איז דערשינען צום מחברס 80־טן געבוירניאָר, אַרויסגעגעבן דורך "שמואל באַט בוך־קאָמיטעט", מערב־האָליוווד, קאַליפ. 1999.

* "די צוקונפט", שלום־עליכם נומער. אַ דיקער העפט פון 164 זז', יאַנואַר - יוני 1999, ניו־יאָרק. רעדאַקציע־קאָלעגיע: חיים ביידער, הערשל גלעזער, יאָסל מלאָטעק, יאַני פיין. פאַרוואַלטער: שלום קרישטאַל.

* "די צוקונפט", יולי־סעפטעמבער 1999, ניו־יאָרק. אַ גרויסער טייל פונעם נומער איז געווידמעט די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער (12־טער אויגוסט 1952).

* "יידישע קולטור" נומ. 5-6 ניו־יאָרק 1999. רעדאַקטאָר: איטשע גאָלדבערג.

* "יידישע קולטור" נומ. 7-8, ניו־יאָרק 1999. לזיכרון אויגוסט 12 1952.

* "אונדזער צייט" נומ. 9-10, ניו־יאָרק 1999. אָרגאַן פון קאָאָרדינירן קאָמיטעט פון בונד. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* "אויפן שוועל", אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, אָקטאָבער־דעצעמבער 1999, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: מרדכי שעכטער.

* "לעבנס־פראַגן" נאָוועמבער־דעצעמבער 1999, תל־אביב, רעדאַקטאָר: יצחק לודען.

* "אין דער וועלט פון יידיש", בולעטין פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, נומערן 1 און 2, ניו־יאָרק 1999. רעדאַקטאָר: חיים ביידער.

* "יידיש וועלט", אינפאָרמאַציע־בולעטין פון וועלט־ראַט פאַר יידישער קולטור, נומ. 7 (נייע סעריע), תל־אביב, ווינטער תש"ס - 2000.

* "אויפבוי", בולעטין פון דער ליגע פון פריינט פון אַרבעטנדיקן ישראל אין אַמעריקע און קאַנאַדע, נומ. 15 ניו־יאָרק, אויגוסט 1999.

* "יוגנטרוף", אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אויגוסט־דעצעמבער 1999. רעדאַקטאָר: לאה ראָבינסאָן.

* "דער אָנהייב" נומ. 28. מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ, רעדאַקטאָר: אַלעק סילווער.

* "יידישע העפטן" נומ. 35, יאַנואַר 2000, פאַריז.

* "צום פונקט", יידיש פון גרויס־וואַשינגטאָן, נומערן 1 און 2, יידיש און ענגליש, 1999. רעדאַקציע: בערנאַרד קאָנאָפּקאָ און אַרנאָלד קוזמאַק (יידיש), שעלבי שאַפּיראָ (ענגליש).

# כראָניק פון ל.א. יידישן קלטור־קלוב

## ווינטער 1999

* מוצאי שבת דעם 9־טן אָקטאָבער, דערעפענונג פון נייעם קולטור־סעזאָן. ל י ז אַ וואַנאַמייקער אין אַ פּראָגראַם פון יידישע, העברעישע און לאַדינאָ לידער, אַקאָמפּאַנירט פון גיטאַריסט גאָרדאָן לוסטיק, ראָבערט קאָרדאַ - פידלער, און דוד קאַמינער - פּיאַניסט אין אַ פּראָגראַם פון יידישער און קלאַסישער מוזיק.

* מוצאי שבת 30־טן אָקטאָבער, פּראָפעסאָר דזשעראַלד פּרייקעס - לקציע אד"ט: גליקל פון האַמעלין און דער אָנהייב פון דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג.

* מוצאי שבת 13־טן נאָוועמבער, לילקע מייזנער: לעקציע וועגן דעם מאָדערנעם העברעישן שרייבער אהרן אַפּעלבאַום - זיין אייגנאַרטיקן גאַנג אין דער ליטעראַטור. מוזיקאַלישער טייל אויסגעפירט פון ריסאַ איגעלפעלד.

* מוצאי שבת 20־טן נאָוועמבער - אַקטועלע פּראָבלעמען אין דער יידיש־וועלט. שמועס מיט דער באַטייליקונג פון: סיבעל בענדער, מיקי סאַפּאַדי און אהרן בעילי. געזאַנג בציבור אָנגעפירט פון מלכה שאו.

* מוצאי שבת 4־טן דעצעמבער, חנוכה קאָנצערט מיטן אָנטייל פון דער "סעקאָנד עווניו קלעזמער־גרופּע".

* מוצאי שבת 18־טן דעצעמבער, רעפעראַט פון חיהלע אַש אד"ט: אַ. גאָלדפאַדען און דאָס שאפן פון יידישן טעאַטער.

## 2000

מוצאי שבת 8־טן יאַנואַר, יעקב באַסנער וועגן יידיש לעטלאַנד אין יאָר 1999 מוזיקאַלישער פּראָגראַם אויסגעפירט פון פידלער סעם קאָנוויזער.

* מוצאי שבת 22־טן יאַנואַר. לעקציע פון ד"ר משה וואָלף אד"ט: איליא ערענבורג און דאָס יידישע פאָלק.

* מוצאי שבת 29־טן יאַנואַר, צווייטע לעקציע פון ד"ר משה וואָלף אד"ט: דער לעצטער יידיש־העברעישער דיכטער אין ראַטן־פאַרבאַנד עלישא ראָדין.

* מוצאי שבת 12־פעברואַר, צוטיילונג פונעם פּריז פון דער "דאָרע טייטעלבוים פונדאַציע" פאַר דער יונגער דיכטערין מרים קאַראָל פאַר איר עסיי "ווילניוס־ווילנע 1941-1998". וועגן דער שאַפונג פון דאָרע טייטעלבוים האָט גערעדט דער דיכטער משה שקליאַר און סיבעל בענדער האָט פאָרגעלייענט דער דיכטערינס אייניקע לידער. וועגן איר אַבעט איבער דעם עסיי האָט גערעדט און פאָרגעלייענט אייניקע פראַגמענטן די אויטאָרין מרים קאַראָל. דעם מוזיקאַלישן טייל האָט אויסגעפירט ריסאַ איגעלפעלד.

* מוצאי שבת 26־טן פעברואַר, אָוונט געווידמעט די באַוווסטע יידישע דיכטער ה. לייוויק און מאַני לייב. פון ה. לייוויקס שאַפונגען האָט פאָרגעלייענט דער אַקטיאָר יעקב לעווין, און יעקב באַסנער - פון די שאַפונגען פון מאַני לייב. לידער פון די צוויי דיכטער האָט געזונגען מלכה שאו ביי איר אייגענער פּיאַנאָ־באַגלייטונג.

* * *

ווי שטענדיק אין חודש אויגוסט האָט דער יידישער קולטור־קלוב צוזאַמען מיט דעם

(סוף אויף ז' 72)

# שלמה מייזנער

באַגינען, דעם 1־טן יאַנואַר ד.י., איז אַוועק אין דער אייביקייט ש ל מ ה מ י י ז נ ע ר , דער באַליבטער טוער פון אונדזער קולטור־קלוב, לאַנגיאָריקער לעבנס־באַגלייטער פון דער פּאָרזיצערין פון קלוב ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר. געזעגענען דעם פאַרשטאָרבענעם איז, אויפן בית עולם מאַנט סיני געקומען אַ גרויסער עולם פריינד פון דער משפחה מייזנער, מיטגלידער פון קלוב און באַקאַנטע.

וועגן שלמהס לעבן, זיין געראַנגל מיטן שווערן גורל אין געטאָ און אין היטלעריסטישן טויט־לאַגער, זיין אויסדויער און האַרציקע באַציונג צו מענטשן, זיין ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער קולטור האָבן גערעדט דער איידעם ר אָ ן ש ו ל מ אַ ן, דאָס אייניקל ב ר י י ע ן, די טאָכטער ה ע ל ע ן און ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר. דער באַוווסטער חזן ה ע ר ש ל פ אַ ק ס האָט געזונגען שלמהס באַליבטע לידער "אונטער די גרינינקע ביימעלעך" פון י. פּאַפּיערניקאָוו און "משהלע" פון מרדכי געבירטיג.

דער אַקטיאָר און נאָענטער פריינד פון שלמה מייזנער, י ע ק ב ל ע װ י ן, האָט פאָרגעלייענט די געזעגענונג־ווערטער פון דער קלוב־פאַרוואַלטונג און אויך אַ ליד פון משה שקליאַר "דאָס קליידעלע פון אוישוויץ". דאָס זעלבע ליד, אין ענגלישער איבערזעצונג, האָט אויך פאָרגעלייענט מ י ק י ס אַ פּ אַ ד י.

ביים אָפּענעם קבר האָט דר חזן ה ע ר ש ע ל פ אַ ק ס געזאָגט קדיש און געזונגען דאָס פאַרטיזאַנער־ליד "זאָג נישט קיינמאָל".

ווייטער ברענגען מיר די געזעגענונג־ווערטער, וועלכע יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט אין נאָמען פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס.

* * *

אין נאָמען פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, וווּ דו ביסט געווען אַ יאָרנלאַנגער מיטגליד, און צוזאַמען מיט אונדזער טייערער לילקע, דער פאָרזיצערין פון קלוב, אויסגעטראָגן די שווערקייטן און דערהויבענע מאָמענטן - געזעגענען מיר דיך היינט, ליבער שלמה מייזנער, צו דיין אַוועקגיין אין דער אייביקער רו. ס'איז שווער, זייער שווער זיך צו שיידן מיט אַ נאָענטן חבר און פריינד, אָבער אַזאַ איז דער מענטשלעכער גורל, און מיט דעם גורל דאַרף מען שלום מאַכן, הגם שלמה איז נישט געווען פון די שלום־מאַכער. וואָלט ער איצט געעפנט די אויגן וואָלט ער אוודאי אויסגערופן ווי די ווידערשפעניקע יידן אין געטאָ: יידן, זייט זיך נישט מיאש!

ער איז געווען אַ קעמפער, שלמה מייזנער, אַזאַ איז ער געווען פון די יינגסטע יאָרן זיינע אין דער פוילישער שטאָט פּיעטריקאָוו, וווּ ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזאַ איז ער געווען אין געטאָ, אַזאַ איז ער געווען אינעם היטלעריסטישן טויט־לאַגער בוכענוואַלד, וווּ ער האָט אין טאָג־טעגלעכן אָנבליק פון טויט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און אַזאַ איז ער געווען אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אין דעם שווערן געראַנגל מיט דעם מלאך המות.

אויך דאָ, אין אַמעריקע, איז זיין לעבן נישט דורכגעלייגט געוווען מיט קיין רויזן. אַן אַקטיווער טוער אין דער יוניאָן־באַוועגונג האָט ער געקעמפּט פאַר די רעכט פונעם אַרבעטער אויף מענטשלעכע באַדינגונגען אין שאָפּ און אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעגעבן די יוגנט־אידעאַלן פון אַ שענערער און בעסערער וועלט, אַ וועלט פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן, ווי עס האָט געחלומט אונדזער גרויסער שרייבער י.ל. פּרץ - „אַלע מענטשן זענען ברידער!"

און צוזאַמען מיט אָט די אידעאַלן האָט ער אויך טייער געהאַלטן די יידישע קולטור־ווערטן און טראַדיציעס, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט לילקען געהאָלפן בויען דאָ, אויף דעם האַרטן באָדן פון אַמעריקע. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט מיטן בוך, געהאַט אַן אויער און ליבשאַפט פאַר אַ גוט ליד און גוטער מוזיק, וואָס פלעגט אים אויפלעבן אין די לעצטע שווערע יאָרן פון זיין קראַנקהייט.

אַזאַ וועלן מיר דיך געדענקען, טייערער שלמה, אַ האַרטנעקיקן קעמפער, אַן איבערגעגעבענעם יידישן קולטור־בויער, געטרייען מאַן, פאָטער און זיידע אַ ליבן חבר און פריינד, ועמען אַלע אין אונדזער קלוב האָבן הויך געשעצט און צו וועמען מיר האָבן זיך באַצויגן מיט ליבשאַפט און דרך ארץ. דו וועסט אונדז פעלן, שלמה, פונקט ווי דו וועסט פעלן, זייער שטאַרק פעלן אונזער לילקען, דיין געטרייער לעבנס באַגלייטערין, מיט וועלכער דו האָסט דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגן, שווערן וועג צוזאַמען, ווי דו וועסט פעלן דיין באַליבטער טאָכטער העלען און דעם איידעם ראָן, די אייניקלעך ברייען און אהרן, און אויך דיין ברודער ישראל (סרולעק), און זיין פרוי פראַנסין.

אייך אַלעמען דריקן מיר אויס אונדזערע געפילן פון טיפן מיטגעפיל. מיר ווייסן - שלמה מייזנער האָט נישט געגלייבט אינעם עולם האמת, אין דער "בעסערער וועלט", ווו מיר אַלע וועלן זיך געפינען פריער אָדער שפּעטער, אָבער ער גייט נישט אַוועק ערגעץ אין אומבאַוווסט, אין פאַרגעסנקייט. ער וועט בלייבן, שלמה מייזנער, אין דער גרויסער וועלט פון אונדזער קאָלעקטיוון האַרץ און זיכרון!

כבוד דיין אָנדענק, טייערער שלמה מייזנער!

---

אויפן שוועל פונעם נייעם יאָרהונדערט איז אַוועק אין דער אייביקייט אונדזער לאַנגיאָריקער מיטגליד

# שלמה מייזנער

דער אין טרויער־פאַרבליבענער פאָרזיצערין פון אונדזער קלוב, שלמהס לעבנבאַגלייטערין, **לילקע מייזנער**, דער טאָכטער העלען, איר מאַן **ראָן**, די אייניקלעך **ברייען** און **אַהרון** ווי אויך דעם ברודער **סרולעק** און פרוי **פראַנסין** און משפחה, דריקן מיר אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל.

די פאַרוואַלטונג פון לאָס־אַנדזשעלעסער
יידישן קולטור־קלוב
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"

מיר זענען אין טיפן טרויער צוליב דעם טויט פון אונדזער טייערן פריינד

# שלמה מייזנער

**לילקע, העלען, ראָן, ברייען, אַהרון, סרולעק, פראַנסין און משפחה**
**איר זאָלט מער פון קיין צער נישט וויסן.**

געניאַ און וואָלף אַלבאַ
רוזשקע אַלעקסאַנדער (נ.י.)
חיהלע אַש
קלאַראַ באַק
מרים באַכראַך
דאָראַ און יעקב באַסנער
סיבעל בענדער
דזשאָען און דניאל גאָרפיין
עריק גאָרדאָן
קיי גודמאַן
פעלאַ און נחטשע גיבסמאַן
דזשעק גיבסמאַן און משפחה
מאַרק גיבסמאַן, און משפחה
הערשל האַרטמאַן
סאַלי האָפער
טאָני און צבי הירש
מאַשאַ הענלי
ד״ר משה וואָלף (פּאָרטלאַנד)
פראַניע וועלטמאַן
שפרה טייטעלבוים
עמאַ טעלעראַנט
רחל און פימאַ טשעסנין
דוד לובין
אסתר ליפשיץ
רעגינע און יעקב לעווין
בעבאַ און לי לעווענטאַל

פייגע און משה מאַראָקאָ
עדינה און משה מעלניק
העלען און יוסף סאָסקי
שאַראָן און נאָרבערט סאָסקי
מיקי סאַפּאַדי
טינאַ סטעמפּעל
זיסל סטערלין
רחל און מענדל סלוצקי
פּראָפ׳ הערשל און קעראָל סלוצקי
אַבעל און יצחק סילבער
רחל פּערלסאָן
חנים יודיט און הערשל פּאַקס
טויבע פּערטשוק
פּראָפ׳ מאַרווין און קעטי צוקערמאַן
שאָשקע קאָרנבליט
רייניי קופּערמאַן
שלום קרישטאַל
מלכה און ד״ר מעני שאָו
ריי און מאַרטי שאַפּיראָ
מאַשאַ און בערנאַרד שווייצער
בעטי שיינערמאַן-שטיין
העדי און מאַרטאָן שטיינמאַן און טעכטער
נתן שטיינמאַן
דאָרע און יעקב שייפער
נעכע שלאָסער
דאָרקע און משה שקליאַר

אין טיפן מיטגעפיל צו דער משפחה און חברים

פון

# שלמה מייזנער

אַ שטילער מענטש - אַ געטרייער קעמפער
פאַר סאָציאַלן יושר -
אַ גלויבער אין מענטשלעכן אידעאַל

דער ליבער מאַן פון לילקע,
אַ וואַרעם-האַרציקער שווער
פון ראָן און טאַטע פון העלען
און אַ שטאָלצער זיידע
פון אהרון און ברייען.
כ'האָב געהאַט דעם זכות אים צו קענען.

כבוד זיין אַנדענק

## שעלבי שאַפּיראָ

צום ליכטיקן אָנדענק פון

**שלמה מייזנער**

אונדזער מיטגעפיל דער טייערער

לילקע מייזנער און משפחה

**צבי און טאָני**

מיר באַדויערן דעם פאַרלוסט פון

**שלמה מייזנער**

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן

מיטגעפיל צו אונדזער פריינד

לילקע און איר גאַנצער משפחה

איר זאָלט מער פון קיין צער נישט וויסן

**אַדעל און יצחק זילבער**

צו אַלע אונדזערע טייערע חברים, פריינד, מיטגלידער
פון יידישן קולטור קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס
אונדזערע וואַרעמסטע דאַנקען!
פאַר אַרויסווייזן אַזוי פיל ליבע, האַרציקייט און
פאַרשטענדעניש אין אונדזער טרויער פון פאַרלירן
אונדזער ליבן

## שלמה מייזנער

מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט
לילקע מייזנער
די קינדער העלען און ראָן שולמאַן
די אייניקלעך ברוך און אהרון
ברודער ישראל און שוועגערין פראַנסין

---

## To **Dan & Jean Gorfain**

Thank you for remembering
*Szlama Majzner, Monia*
*& Rachel Gorfain*

**"Heshbon"**